NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13280

ELIZE REKLYU

N. B. Lebedyev

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. ק. לעבעדיעוו

עליזע רעקליו

ב. ק. לעבעדיעוו

MICROFORM

עליזע רעקליו

דאָס לעבן פון א קאָמונאר

נטראלע יידישע־ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

PRIN . D in U. S. S. R.

מעלוכע־פארלאג פאר די נאציאָ־
נאלע מינדערהייטן אין אוסר"ר

כארקאָוו 1933 קיעוו

די ביבליאָגראַפישע פארצייכענונג פונעם בוך און די שיפערן פאר ביבליאָטעק־קאטאלאגן זיינען אָפגעדרוקט אין „צייט־שריפט פון דרוק“ און אין דעם קארטאָן־רע־פערטואר פון דער אוקר. ביכער־פאלאטע.

פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטאר — ה. העכטער
טעכ. רעדאקטאר — ה. חאָרטמאן
הילע — כ. ליבאָוויטש
פאפיר 62 X 94 1/16 — 4 קג.
אין פאפיר־בויגן 160 ט. צייכנס.
איבערגעגעבן אין זאץ 25 III 1933
אונטערגעשריבן צום דרוק — 23 IV 1933
פארלאג № E 119

אלוקר. פאליגר. פארייניקונג.
בערדיטשעווער 3־טע דרוקעריי,
באשט. 1762 3000 עקז. 4 דר. בויגנ
הויפטליט נומ. (363) 1358 שטאטליט נומ. A 281
V 28 1933 יאר.

א י נ ד ע ר פ ר ע מ ד

1. שווערע צייטן

באנאכט ערעוו דעם ערשטן יאנואר 1852 יאָר האָט א גרויסער שטורעם געבושעוועט אין לאמאנש. דאָס פאָסט־דאמפּערל, וואָס איז ארויסגעגאנגען פון האַוור קיין דוווּר, איז צייטנווייַז איינגאנצן פארשווּנדן געוואָרן אין דער שווארצער וואסער־טיפּ.

אין דער קליינער שיף־קאיוטע איז געווען וויניק פּאסאזשירן.

די פּאסאזשירן זיינען אלע געלעגן אף די בעטלעך, און נאָר צוויי יונגע באָכורים זיינען געזעסן פארטראכט אין א ווינקל. דאָס זיינען געווער פראנצויזן, די ברידער רעקליו. דעם עלטערן האָט מען גערופן עלי, און דעם יינגערן — עליזע. ביידע ברידער האָבן פארלאָזן פראנקרייך.

די ברידער רעקליו האָבן, ניט געקוקט אף זייער יינגקייט (דער יינגערער — עליזע — איז איינגאנצן אלט געווען 20 יאָר), שוין גענומען אן אָנטייל אין דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, אקטיוו ארויסגעטרעטנדיק קעגן דעם נאפּאָלעאָנישן רעזשים.

עליזע און עלי האָבן זיך געפרייט, וואָס זיי איז געלינגען זיך ארויסצודרייען פון דער וואכזאמער נאפּאָלעאָנישער פּאָליציי. נאָר די פרייד זייערע איז פארשטערט געוואָרן פונעם געדאנק וועגן דעם, וואָס עס דערוואַרט זיי אינעם אומבאקאנטן ענגלאנד. אין לאָנדאָן האָבן זיי ניט געהאט קיין איין נאָענטן מענטשן, קיין איין באקאנטן.

דער צוג פון דוווּר קומט אָן קיין לאָנדאָן מיטן טאָג. פארמאטערטע פון דער נעסיִע איבערן לאמאנש, זיינען עלי און עליזע אין וואגאָן אנדערעמלט געוואָרן. עליזע האָט דער ערשטער צעעפנט די אויגן און האָט פון וואגאָן־פענצטער דורך דעם גרויען וואָלקן דערזען א מענגע נידעריקע ציגל־מויערלעך, געדעקט מיט דאכלקעס, מיט נידעריקע קוימענס. ווען דער צוג האָט זיך געצויגן פארביי דעם אומענדלעכן פאס הייזער און זיך דערנעענטערט צו דער סטאנציע, האָט דער ענגלענדער, וואָס איז געפאָרן איינינעם מיט די ברידער רעקליו, זיך אָנגערופן אף א געבראָכענער פראנצויזישער שפּראך:

— אָט קוקט, דער קלויסטער פונעם הייליקן פּאוול, אָט דאָרט — דער האנדל־קוואַרטאל סיטי, און אין דעו ווייטן די ניוגעטישע טפּיסע און דער וועסט־מינסטערישער מאָנאסטיר.

— א גרויסן דאנק, — האָט עליזע געענטפערט אַף ענגליש און זיך אָנגערופן צו עלין:

— געגוג שלאָפן, עלי, טו א קוק: דו האָסט פאר זיך די פארקערפערונג פון גאנץ ענגלאנד — האנדל, געזעצ און רעליגיע, און פאר די, וואָס זיינען אויוועק אפ אָט די געזעצן פון דער מאָדערנער געזעלשאפט — די טפיסע. חוץ צו דעם, וואָס פאלט ארונטער אונטער דער ראָד פונעם געזעצ.

עלי און עליזע זיינען מיטגעצויגן געוואָרן מיטן האמוין און זיינען ארויסגעגאנגען פונעם וואָקזאל טשארינג־קראָס. איינער אן אונגאר, וואָס זיי האָבן זיך מיט אים באקאנט אפן דאמפשיף, האָט זיי אוועקגעפירט אינעם מיזרעכ־טייל פון לאָנדאָן — אינ איסט־ענד.

לאָנדאָן טיילט זיך אפ צוויי טיילן אפ א מייִרעווודיקן און א מיזרעכדיקן.

וועסט־ענד און איסט־ענד די שטאָט פון די רייִכע און די שטאָט פון די אָרעמע.

אדאנק דעם אונגאר האָבן עלי און עליזע געפונען אינ איסט־ענד א האלב־טונקעלן צימער אינ א שמוציקער אכסאניע פאר א שילינג א מעסלעס.

ס'אדורכ צוויי וואָכן זינט עלי און עליזע זיינען געקומען אינ לאָנדאָן. זיי האָבן זייער פלייסיק געזוכט עפעס אן ארבעט. נאָר קיין ארבעט איז ניט געווען. אפ זייער אנאָנס וועגן לעקציעס האָט זיך קיינער ניט אָפגערופן. דאָס געלט איז שנעל אויסגעגאנגען. בא די ברידער איז איינגאנצן פארבליבן עטלעכע שילינג.

— מע דארף פארקלענערן די הוצאָעס, האָט עלי באמערקט.

— ווארטעט עסן מיר דאָך סייווי ניט אלע טאָג, — האָט געזאָגט עליזע.

— אויב אזוי וועט אויסקומען זיך אָפזאָגן פונעם צימער. ס'איז זייער שווער צו צאָלן פאר דער דירע א שילינג א טאָג.

עלי און עליזע האָבן זיך אָפגעזאָגט פונעם צימער און זיינען מיט זייערע קליינע פעקלעך, מיט זייער גאנצ האָב און גוטס געבליבן בוכשטעבלעך אינדרויסן.

פאר אָט דעם ווינטער האָבן די ברידער זיך גוט באקאנט מיטן לעבן פון די ארבעטלאָזע און היימלאָזע אינ לאָנדאָן. זיי האָבן זיך באקאנט מיט מענטשן, וואָס מ'האָט ניט אָנערקענט פאר זיי קיין שום מענטשלעכע רעכט, אפילע די רעכט צו ארבעטן אפ יענעם ביז די לעצטע קויכעס.

ס'פלעג טרעפן, אז די ברידער פלעגן ארומשפאנען א גאנצע נאכט איבער די גאסן, ווארטנדיק אפן פרימאָרגן. אינדערפרי פלעגן זיך עפענען די גאָרקיכן. באשטעלנדיק א גלעזל טיי, פלעגן די ברידער זיך דערוואַרעמען נאָכ דער שלאָפלאָזער נאכט. ס'האָט זיך געוואָלט שלאָפן. דאָס גלעזל טיי פלעג מען טרינקען לאנגזאם. נאָר, סאָפקאָלסאָפ, פלעג מען עס אויסזופן...

ביז די ברידער פלעגן זיך אופהייבן און ווידער אוועקשפאַנען זוכן אַרבעט.

עלי און עליזע האָבן געוווּסט, אַז אין לאָנדאָן זײַנען פאַראַן נאַכטהײַזער, נאָר זיי האָבן זיך אַזויפיל אָנגעהערט פון די אַרבעטלאָזע וועגן דעם, ווי באַליידיקנדיק מע באַזוכט דאָרט אַלע אָנקומענדיקע און ווי מע באַגייט זיך דאָרט ברוטאַל, אַז זיי האָבן באַשטימט בעסער נעכטיקן אונטערן בריק איידער גיין אין נאַכטהויז.

אונטער די בריקן, בײַ די ווענט פון דער ברעג־גאַס, האָט מען שטענדיק געקענט טרעפן היימלאָזע. עליזע און עלי פלעגן זיך צוזעצן לעם אַ גרופּע דרעמלענדיקע שטילע מענטשן.

— אַ גוטן אָוונט!

— אַ שלעכטער וועטער, דער שד זאָל עס נעמען!

— אַן אָרעמאַן איז שטענדיק שלעכט.

ס'ווערט נאַכט. עלי און עליזע זעצן זיך צו נעענטער. די צײַט ציט זיך פּאַמעלעך. די נערוון זײַנען צעטעמפּט. אינדערהייך, איבער די קעפּ, הערט זיך דער קלאַפּ פון קאַרעטעס, וואָס פאָרן איבערן בריק. פון די לאָנדאָנער גאַסן דערטראָגט זיך דער גערודער פונעם האַוון.

די היימלאָזע דרעמלען.

— אַ הינטיש לעבן, — מורמלט עמעצער.

— פאַראַן הינט, וואָס לעבן בעסער פון מענטשן, — הערט זיך פון דער פינצטער.

פרילינג האָט עלי צופעליק געפינען אַ שטעלע פון אַ דערציִער אין אַ רײַכער אירלענדישער פאַמיליע און איז אַוועקגעפאָרן קיין אירלאַנד. עליזע איז געבליבן אַליין אין לאָנדאָן.

ס'האָבן זיך אַוועקגעצויגן אומעטיקע טעג פון אַליין זײַן. אַמאָל פלעגט עליזע אַוועקגיין אין דער ביבליאָטעק פונעם בריטאַנישן מוזיי, פלעגט דאָרטן אָפּזיצן גאַנצע טעג און לייענען די שאַפונגען פון פּרודאָן, קאַבע און אַנדערע סאָציאַליסטן, און אויך געאָגראַפישע ביכער.

ער פלעג אָפּט אַרומבלאָנקען גאַנצע טעג איבער די גאַסן פון לאָנדאָן. ער פלעג פאַרבײַגיין אַן אַ שיר מאַגאַזינען איבערגעפּילטע מיט אַלערליי סכוירעס. איינעם מיטן רײַכטום אין לוקסוס האָט עליזע געזען דאַכ־קעס און אָרעמקייט, וואָס איז ניט צו באַשרײַבן. עליזע האָט געטראַכט: „צענדליקער טויזנטער מענטשן אַרבעטספעיִקע זײַנען געצוווּנגען שטאַרבן פון הונגער אין דער סאַמע רײַכסטער שטאָט אַף דער וועלט. סאַראַ אומגעלומפּערטע זאַך דאָס איז! די צוואַקעס פון אַלע רעליגיעס ריידן וועגן ראַכמאָנעס. ס'אַראַ מיִעסער ליגן! צי דען קאָן ראַכמאָנעס פאַרריכטן די אומגערעכטיקייט! ניין, מע דאַרף ניט קיין ראַכמאָנעס, ניט קיין נישטיקע פילאַנטראָפּיע, נאָר אַ רעוואָלוציע וועט אימשטאַנד זײַן צו פאַרניכטן אָט די אָרדענונג פון אומגלײַכקייט און עקספּלואַטאַציע...” און די נויט האָט, ווי אַ שלאַנג,

אַלצ מער און מער געוואָרגנ עליזענ. די פאַרדינסטנ פונ די צופעליקע לעקציעס און איבערשרײַב־אַרבעטנ האָבנ געקלעקט עליזענ בלויז אפ א הונגעריק לעבנ. און עליזע שרײַבט דעמ ברודער:

זײַ מיר בעגריסט, אָ, בענאָדאָמ!

מײַנע געשעפטנ זײַנענ טרויעריק. איכ בינ אָנ געלט, און קײנ אַרבעט זעט זיכ אויכ ניט פאָר. איכ האָב אָט דאָ ניט לאַנג געהערט די פאָרטראָגנ פונ לוי בלאַנ, פיער לערו אונ לאַשאַמבאַדיע.

לוי בלאַנ רעדט, ווי ס'האָט זיכ אַרויסגעוויזנ, שענער, ווי איכ האָב געטראַכט, כאָטש אָפטמאָל קומט אימ אויס צו זוכנ ווערטער. לוי בלאַנ איז ניט קײנ הײכער. בא אימ איז אַנ אַנגענעמ־קלינגענדיקע שטימ. די האָר בא אימ אפנ קאָפ זײַנענ אַזוי געדיכט, אַז פײגעלעכ וואָלטנ דאָרט געקענט מאַכנ זיכ נעסטנ אינ זײַנע האָר. קעדײ אַרײַנצוגײנ אפ אָט די פאָרטראָגנ, האָב איכ געפאַטערט מײַנ לעצטנ שילינג. איכ האָב באַשטימט צו פאַרקויפנ מײַנ ווינטערדיקנ מאַנטל אַנ אַלטוואַרגער, קעדײ אײַנצוקויפנ אַביסל ברויט, נאָר דער אַלטוואַרגער האָט אויסגעניצט מײַנ צעבראָכנקײט און איז אַוועק, ניט באַצאָלנדיק מיר קײנ גראָשנ.

איצט זיצ איכ א געשטראָפטער אינ וואַרט, דו וואָלסט מיר אַרויסשיקנ כאָטש עטלעכע שילינג.

דאָס פײַער אינ אויוועלע האָט זיכ פאַרלאָשנ און איכ טרײסל זיכ פאַר קעלט. די האַנט שרײַבט ניט. איכ וואַרט אפ אַנ ענטפער.

דײַנ ברודער עליזע".

זומער האָט עליזע באַקומענ פונ עלינ א בריוו. עלי האָט אימ מאָרגעלײגט קומענ קײנ אירלאַנד. ער האָט געשריבנ, עלי, אַז אינ אירלאַנד קאָנ מענ גרינגער געפינענ אַרבעט.

עליזע האָט זיכ צעשײדט מיט לאָנדאָנ.

עליזענ איז געלונגענ זיכ אײַנצואָרדענענ אינ אירלאַנד פאַר אַנ אָנגעשטעלטנ אינ א פריצישנ מאַיאָנטעק. ווענ עליזע איז פרײַ געווענ, האָט ער ליב געהאַט אַרומבלאָנקענ איבער די אַרומיקע פעלדער.

דער מאַיאָנטעק איז געווענ אפנ ברעג פונעמ טײַכ שאַנאָנ, ניט ווײַט פונ די באַוווּסטע שאַנאָנער שוועלנ.

אײנמאָל, ווענ עליזע איז געלעגנ אפנ גראָז לעמדי כורוועס פונ אַנ אַלטנ פעאָדאַלנ שלאָס אפנ הויכנ ברעג פונ טײַכ שאַנאָנ, האָט אימ אָנגעכאַפּט א לײדנשאַפטלעכער ווילנ אָנצושרײַבנ א בוכ וועגנ דעמ לעבנ פונ דער נאַטור און פונ דער ערד.

עליזע האָט אַרויסגענומענ דאָס נאָטיצ־ביכל און האָט שנעל אָנגעהויבנ אָנצוּוואַרפנ מיטנ בלײַער דעמ פּלאַנ פונעמ קומענדיקנ בוכ. די פאַרגײענדיקע זונ האָט באַגילט די ערשטע זײַטנ פונ זײַנ ווערק.

דערציילנ דעם מענטשנ וועגנ דעם לעבנ פונעם ערד־קײַלעכ, וועגנ אַלע גרויסע אונ קליינע דערשײַנונגענ, וואָס קומענ פאָר אַפ דער ערד, זענ, אַז די מענטשנ זאָלנ ליב באַקומענ די ערד, — דאָס איז אַ גרויסער ציל, וואָס ס'איז קעדײַ אים אָפּצוגעבנ דאָס לעבנ.

אונ עליזע באַשליסט בא זיכ — איינמאָל פאַר אַלעמאָל ווערנ אַ שרײַבער — אַ געאָגראַפ.

אינגיכנ אָבער האָט אים פאַרכאַפּט אַ צווייטע אידייע. „וויפל אָרעמעלײַט — טראַכט ער — שטאַרבנ אינ ענגלאַנד אונ אינ פראַנקרײַכ פונ הונגער, אינ דער צײַט, ווענ מוירעדיקע שטעטלעכ פעטע ערד פוסטעווענ אינ אַמעריקע. אַפ דער פרײַער ערד דאָרט וואָלט מענ געקענט אָרגאַניזירנ אַ לעבנ אַפ נײַע קאָמוניסטישע יעסודעס".

אַ פראַנצויזישער קאָמוניסט קאַבע האָט ניט לאַנג פאַר דעם געגרינדעט אינ צפונ־אַמעריקע אַ קאָמוניסטישע קאָלאָניע „איקאַריע". „איקאַריע", זאָגט מענ, בליט. „פאַרוואָס־זשע זאָל איכ אויכ ניט פרובירנ עפּעס טונ אינ אָט דער ריכטונג?" — טראַכט זיכ עליזע.

עליזע דערמאָנט זיכ אינ קאַבעס בוכ „די רײַזע קיינ איקאַריע", וואָס ער האָט געלייענט. אינ דעם בוכ רעדט זיכ שיינ וועגנ די מײַלעס פונעם קאָמוניסטישנ לעבנס־סײדער. עליזע האַלט זיכ פאַר אַ קאָמוניסט. באַפרײַענ די מענטשהײַט פונעם קאַפּיטאַליסטישנ יאָכ, פונ אָרעמקײַט אונ עקספּלואַטאַציע איז מעגלעכ נאָר באַם קאָמוניזם. די מענטשהײַט אָבער האָט ביז איצט נאָכ קנאַפּ פאַרשטאַנענ די מײַלעס פונעם קאָמוניזם. דאַרפ מענ דעריבער איבערצײַגנ דערינ די מענטשנ, מע דאַרפ דערווײַזנ מיט פאַקטנ די מײַלעס פונעם קאָמוניזם אינ פאַרגלײַכ מיט דעם קאַפּיטאַליזם, אונ דאָס קאָנ מענ אויפטונ בעסער פונ אַלצ מיט אָרגאַניזירנ קאָמוניסטישע קאָלאָניעס, ווו די מענטשנ זאָלנ זיכ לעבנ ווי ברידער אונ אַרבעטנ צוזאַמענ. אַזוי האָט זיכ עליזע געטראַכט.

2. קיינ אַמעריקע

דער גרויסער אָקעאַנישער דאַמפער „גרעיט איסטערנ" איז גרייט אָפּצושווימענ קיינ אַמעריקע. דער קאַפּיטאַנ, אַ יאָדערדיקער ענגלענדער מיט אַ פּאָנעם אַ פאַרזויטלטס פונ ווינט, זידלט זיכ ברוטאַל מיט די מאַטראָסנ. עליזע גייט צו צו אים אונ נעמט אַראָפּ די שליאַפּע.

— וואָס ווילט איר?

— איכ וויל קומענ קיינ אַמעריקע, נאָר איכ האָב ניט קיינ געלט אַפ אַ בילעט, איכ וואָלט דעריבער געוואָלט אָנקומענ פאַר אַ מאַטראָס אַפ אײַער דאַמפשיפ. עפשער קענט איר מיכ צונעמענ אינ אײַער שיפ־קאָמאַנדע?

דער קאפּיטאנ באטראכט עליזענ מיט א קוק פונ א בולדאָג, אונ פונ זײַנ באָרגל רײַסנ זיכ ארויס הייזעריקע קלאנגענ:

— קיינ דײַטשנ נעמ איכ ניט אפ קיינ שטעלע.

— איכ בינ אָבער ניט קיינ דײַטש, נאָר א פראנצויז, — זאָגט עליזע.

— ניינ, איר זײַט א דײַטש.

ס'איז אומזיסט די רייד מיט א מענטשנ, וואָס האָט צו אײַכ טײַנעס, ווײַל איר זײַט א דײַטש. עליזע שפּאצירט ווידער אפ דער ברעג־גאס פונ ליווערפּול. באמ ברעג שטייט א זעגלשיפ.

— איר דארפט ניט קיינ מאטראָס?

— ניינ, מיר דארפנ א קוכער.

— איכ בינ גרייט זיכ שטעלנ פאר א קוכער.

— אונ קאָכנ קענט איר?

— יאָ, פראָסטע מײַכאָלים.

— אבי־ווער טויג אונדז ניט. פּרוווט זיכ אָפּקאָכנ א וואַרמעס, אויב די קאָמאנדע וועט צופרידנ זײַנ מיט אײַער געקעכצ, וועט איר בלײַבנ.

— אנטשולדיקט, איר גייט קיינ ניו־יאָרק?

— קיינ נײַ־אָרלעאנ.

עליזענ איז, איינגעלעכ, אלציינס, וווהינ עס גייט די שיפ, אבי קיינ אמע־ריקע. דער וואַרמעס, וואָס עליזע האָט אָפּגעקאָכט, איז געפעלנ געוואָרנ די מאטראָסנ, אונ פארנאכט קלײַבט זיכ שוינ אריבער עליזע מיט זײַנ באַ־גאזש אפ דער שיפ אונ באזעצט זיכ אינ דער ענגער קאיוטע לעמ דעמ קאמבוז.

די שיפ געפינט זיכ אינ אָקעאנ שוינ צוויי וואָכנ. די היצ ווערט אלצ גרעסער. אינ קאמבוז איז אנ עמעסער גענעמ. עליזע רוט אָפ נאָר באנאכט, ווענ דער אָקעאנ אָטעמט מיט קילקײַט.

אפנ צוואנציקסטנ טאָג שווימענ איבערנ אָקעאנ האָבנ זיכ באוויזנ נעפּל־דיקע קאָנטורנ פונ ערד. דאָס איז דער האלב־אינדזל פלאָרידא. די שיפ גייט ארײַנ אינ מעקסיקאנישנ אויסגוס.

נײַ־אָרלעאנ ליגט באמ ברעג פונ גרויסנ אמעריקאנישנ טײַכ מיסיסיפּי. מיסי־סיפּי באטײַט אפנ לשונ פונ די אינדיאנער „דער טאטע פונ די וואסערנ". די שטאָט געפינט זיכ 160 קילאָמעטער פונעמ אויספלוס, נאָר גרויסע אָקעא־נישע דאמפּערס גייענ פרײַ ארופ טײַכ ביז סאמע נײַ־אָרלעאנ.

אינ דער אומגעגנט צו נײַ־אָרלעאנ אונ נעענטער צומ יאמ־צו זײַנענ צע־וואָרפנ היפּשע צוקער־אונ בוימוואָל־פּלאנטאציעס אונ רײַז־פעלדער. אפ ביידע ברעגנ טײַכ זעענ זיכ די רײַכע פּאלאצנ פונ די פּלאנטאטערס, ארומ־גערינגלטע מיט סעדער פונ אפּעלסינענ־ביימער.

עליזע איז די לעצטע נאכט אפנ שיפ קימאט ניט געשלאָפנ. ער האָט געטראכט פונ דעמ, וואָס עס דערווארט אימ מאָרגנ אפנ ברעג. פונ מאָרגנ־

דעם טאָג הייבט זיך אָן פאר אים א נײַ, איגנאנצן נאָך אומבאוווּסט לעבן. וואָס שטייט אים דאָרט פאָר אין אמעריקע?

פונעם ברעג האָבן זיך א גאנצע נאַכט געהערט לידער און געשרייען. די באנאנעסיקע לופט איז פול געווען מיט פארשיקערנדיקע רייכעס פון מאגנאָליע, זשאסמין און פאָמעראנצן...

3. דאָס לאנד פון פרײַהייט און... קנעכטשאפט

נעגערס, ארומגעבונדענע מיט בונטע טיכלעך, מיט קוישעלעך אויבן אף די קעפ, שטופּן זיך אפן האפן. אינעם האמוין לויפן ארום רירעווּדיקע טונקלהויטיקע קינדער מיט גלאנציקע פיס. באַם האפן גייט דאָס אָנלאָדן און אויסלאָדן די דאמפּערס. פעק בוימוואָל, קעסטלעך טאבעק, קאָפע, זעקלעך רײַז פארשווינדן אין די טונקעלע ליוקעס אין טריומען פון די גרויסע פראכט־שיפן. הונדערטער טרעגער, נעגערס און ווײַסע, שוועבן אָן אויפהער איבער די טרעפּלעך פון די דאמפּערס אפן ברעג און צוריק.

עליזע שלעפּט אויך, באַגייסטערדיק זיך מיט שווייס, שווערע פעק בוימוואָל. שוין קיין דאַטש א כוידעש, אז ער ארבעט אלס א טרעגער. אמעריקע האָט אים נים פרײַנטלעך אויפגענומען. ניט געקוקט אף דער גאנצער מי, האָט עליזע קיין לעקציעס נים געקענט געפינען און האָט געמוזט הערן א שווארצארבע־טער. ער איז ארײַנגעפאלן צווישן דעם אוילעם באָרוועסע יונגען און אָרעמ־קײַט פון נײַ־אָרלעאן. דעם טרוים וועגן א קאָמוניסטישער קאָלאָניע איז אויס־געקומען צו פארלאָזן.

— איי, פראנצויז, היט זיך! הערט זיך אומגעריכט א געשריי.

עליזע קוקט זיך ארום, נאָר א שווערער קאסטן, וואָס האָט זיך אראָפּגעריסן בײַ א טרעגער פון פּלייצע, גיט א זעץ עליזען איבערן פוס. מע פירט אים אוועק אין שפּיטאָל. א דאָקטער אין א ווײַסן פארטעך בינדט אים אי־בער.

— איר דארפט בײַ א וואָך צײַט ליגן, זאָגט דער דאָקטער. מע לאָזט עליזען איבער אין שפּיטאָל. דער דאָקטער פארשרײַבט עליזען אין שפּיטאָל־זשורנאל.

— אײַער נאָמען און פאמיליע? פרעגט ער דעם קראנקן.

— עליזע רעקליו.

— נאציאָנאליטעט?

— פראנצויז.

— אײַער פּראָפעסיע?

— אין דעם מאָמענט א שווארצארבעטער, און פריִער — א לערער פון פראנצויזישער שפּראַך.

— איר זײַט אן עמיגראנט?

— יאָ.

— פאַרוואָס זײַט איר געוואָרן אַ שוואַרצאַרבעטער?

— איך האָב נים געקענט געפינען קיין פאַסיקע אַרבעט.

— צי וואָלט איר נים געגעבן קיין לעקציעס פון פראַנצויזישער שפּראַך מײַן טאָכטער?

מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

אין אַ וואָך אַרום האָט זיך עליזע אויסגעשריבן פון שפּיטאָל און האָט באַקומען די ערשטע לעקציע בײַ דעם דאָקטער פּי. שפּעטער האָט דער דאָקטער רעקאָמענדירט עליזען זײַנע באַקאַנטע, און עליזעס לאַגע האָט זיך פאַרבעסערט. מיט באַשיידענע לעבנס־מיטלען איז ער געווען באַזאָרגט.

ווען עליזע איז פרײַ, בלאָנקעט ער אַרום איבער נײַ־אָרלעאַן און קוקט זיך צו צום לעבן פון די ווײַסע און פון די נעגערס.

איינמאָל זונטיק גייט רעקליו אַפן בולוואַר.

צווישן דעם יאָנטעוודיק־אָנגעטאָנענעם המון האָט זיך באַוויזן אַ נעגער. ער האָט געטראָגן אַן אַלטן פאַרלאַטעטן סיורדעט, ווײַס און שוואַרץ גע־ער קעסטלטע הויזן און אומגעהייער גרויסע שיך.

דער נעגער האָט פריילעך געשמייכלט, נאָר די פאַרבײַגייענדיקע האָבן אַף אים געקוקט מיט פאַראַכטונג און מיט עקל זיך אָפּגעקערעוועט פון אים. דער צע־גייענדיק ביז צו דער באַנק, וווּ עליזע איז געזעסן, האָט דער נעגער זיך שמייכלט, אויפגעהויבן זײַן היט און געזאָגט:

— מאַסאַ, גוט מאָרגן!

— אַ גוט יאָר! — ענטפערט עליזע.

דער נעגער שטייט און שווײַגט.

זעצט זיך, — לייגט עליזע פאָר און באַווײַזט מיט דער האַנט אַף דער באַנק. באַם נעגער ווײַזט זיך אַ שרעק אַפן פּנים, און ער שעפּטשעט שטיל:

— מע טאָר ניט, איך בין אַ שוואַרצהויטיקער... די פּאָליציי... אַרעסט... מע טאָר ניט.

— נישקאָשע, זעצט זיך.

דער נעגער קוקט זיך ניט דרייסט אַרום, זעצט זיך צו אַפן ברעג באַנק, נעמט אַראָפּ דעם הוט און דערקלערט אַף זײַן געבראָכענער שפּראַך עליזען:

— איך בין איצט אַ פרײַער... אויס קנעכט... געקומען צו פאָרן זוכן אַרבעט... איר זײַט אַ גוטער מענטש... אַ ווײַלער...

אין די אויגן באַם נעגער באַווײַזן זיך טרערן. דעם ערשטן מאָל אַף זײַן לעבן זיצט ער מיט אַ ווײַסן מענטשן און רעדט מיט אים, ווי אַ גלײַכער מיט אַ גלײַכן. אַן אויפגערעגטער האַלט ער אין איין איבערכאַזערן:

— איך בין אַ פרײַער... איך זוך אַרבעט... איך וויל עסן...

עליזע ציט אויס דעם נעגער די האַנט און דריקט זי שווײַגנדיק. דער נעגער גלויבט זיך אַליין ניט. אין עקסטאַז פון אומגעהייערער דאַנקבאַרקייט וויל

ריש. טוט עליזען די האנט. עליזע טוט שנעל א צי די האנט און זאָגט שטרענג:

— מע דאַרף ניט.

אַט די סצענע ציט צו די אויפמערקזאַמקײַט פון די דורכגייער. די אַמעריקאַנער זײַנען אויפגעבראַכט. איינער פון זיי גייט צום נעגער און רופט זיך אָן בייז:

— די בענק זײַנען אוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר די פרײַע בירגער פון אַמעריקע, און ניט פאַר די שוואַרצהײַטיקע. מאַרש פונדאַנען, בעהיימע!

דער נעגער שפּרינגט אויף, קוקט זיך אַרום אומבאַהאָלפן, דרייט זיך צונויף און גייט אַוועק.

— און איר זײַט, ווײַזט אויס, אַן אייסלענדער, — זאָגט דער אַמעריקאַנער צו רעקליו. — איר דערנידעריקט אײַער מענטשלעכע ווירדע, ריידנדיק מיטן נעגער, ווי מיט א גלײַכן.

— מענטשן זײַנען אַלע גלײַך, בירגער, — ענטפערט רעקליו, — די קנעכטשאַפט פון די נעגערס איז די שאַנד פאַר דער פרײַער אַמעריקע. מיר איז א בזיון, בירגער, פאַר אײַך און פאַר אַמעריקע.

עליזע הייבט זיך אויף אַן אויפגערעגטער פון דער באַנק. ער גייט נאָכן נעגער, נאָר יענער האָט זיך שוין איבערגעמישט אינעם האַמוין.

אין נײַ־אָרלעאַן פילט זיך עליזע איינזאַם. ער איז אַלט פיר און צוואַנציק יאָר. זײַן האַרץ איז פול מיט דערהויבענע שטרעבונגען. ער וואָלט וועלן אויפטאָן גרויסע זאַכן, נאָר דאָס לעבן האָט אים געמאַכט פאַר א טרעגער. ער האָט איצט עמעס, איינציקע לעקציעס, נאָר צי איז עס אַף לאַנג? עס קומט אויס צו פאַרלאָזן די טרוימען וועגן בילדונג, וועגן ליטעראַרישער אַרבעט... ס'איז אים טרויעריק אויפן האַרצן. אין אַזעלכע מינוטן, געוויינלעך, שרײַבט ער בריוו צום ברודער, צום פאָטער, צו דער מוטער, אָפטער פון אַלץ, צו דער מוטער.

נאָר עליזע לאָזט ניט, אַז זײַן טרויעריקייט זאָל זיך דורכגאַנווענען אין די בריוו. זײַנע בריוו זײַנען מוטיקע און זײַנען פול מיט האָפענונגען אויף דער צוקונפט. דערוויסנדיק זיך פון די בריוו, אַז עליזע איז געווען קראַנק און אַז ער אַרבעט אַלס א טרעגער, האָט די מוטער אים געשיקט אַן אומרויקן בריוו. איינעם אַט אַזאַ בריוו האָט עליזע געטראָפן בא זיך אויפן טיש, ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים.

עליזע שרײַבט טייקעף אַן ענטפער:

„ליבע מאַמע! ס'טוט מיר אַזוי באַנק, וואָס איך האָב דיך אויפגערעגט מיט מײַן פאַריקן בריוו. גלויב מיר, אַז ס'איז גאָרניט, און דײַן אומרו איז אומזיסט. דײַן זון פילט זיך וווּל. ער איז ווידער מונטער און פריילעך. אַך, ווי אָפט, ליבע מאַמע, איך דערמאָן זיך, ווי דו פלעגסט מיך קינדווײַז נעמען אויף די הענט און פלעגסט זיך שפּילן מיט מיר אונטער דעם

אלטן הונדערטיאָריקן דעמב. אין יעגער צײַט ביסטו געווען פאר מיר די גאנ־ צע וועלט, און איך האָב זיך אזוי גוט געפילט.

אך! ווי איך וואָלט וועלן האָבן אזעלכע ריינע געדאנקען, ווי בא דיר, ווי איך וואָלט וועלן פירן אזא ארבעט־לעבן, ווי דו פירסט! ווי איך וואָלט וועלן, אז קוקנדיק אף מיר, זאָלן מענטשן זאָגן: „סארא ווילער מענטש דאָס איז, בא אים איז, ווײַזט אויס, א מאמע טײַערע!" איך בין זייער צופרידן פון דער פבירע, אז דער ברודער אָנעווין האָט גלענצנדע פארענדיקט דעם קאָלעדזש. וואָס טראכט ער טון ווײַטער? צי וויל ער ניט ווערן א דאָקטער, אן אינזשעניער, א יוריסט? וואָס איז שײַעך מיר, טרוים איך אלץ מער און מער צו ווערן אן ערדארבעטער מיר דאכט, אז איך וועל זיך פילן גליקלעך, ווען איך וועל קריגן א געלעגנהייט זיך צו פארנעמען מיט דערוועלבער ארבעט, מיט וועל־ כער ס'האָט זיך פארנומען מײַן זיידע רעקלין.

די שרײַבסטו, איך זאָל זיך אומקערן צוריק קיין פראנקרײַך. האָסט מוירע, איך זאָל אין אמעריקע ניט שטארבן פון הונגער. גלייב מיר, טײַערע מאמע, אז דאָ איז אסאך גרינגער צו קריגן ארבעט, איידער אין פראנקרײַך.

אין פראנקרײַך איז אזויפיל מענטשן פאראן, אז ס'איז טאָמיד דאָ א גע־ פאר אָנצוקומען עמעצנס אפן פּיס; דאָ אין אמעריקע אָבער איז א פולשטענ־ דיקע דאמיקראטיע און אויב מע וויל, קען מען שטענדיק געפינען ארבעט.

ווען איך וואָלט ניט געהאלטן, אז פארמאָגן רײַכטום איז א פארברעכן, וואָלט איך פאר עטלעכע יאָר געקענט ווערן א גביר. צום גליק האָב איך א גוטס בעסער צו זײַן אן אָרעמאן... דו האָסט געשריבן, אז דער פעטער רעקלין איז געווען שטארק פארוכערט, ווען ער האָט זיך דערוווסט, אז איך בין גע־ וואָרן א טרעגער, א שווארצארבעטער. נאָר גלויב מיר, ווען איך וואָלט גע־ וואָלט גרינגע ארבעט, וואָלט איך געפינען; נאָר איך זע ניט קיין שום ביזוי־ ען אין דער טרעגער־פּראָפעסיע, און ווען איך וואָלט געהאט מער פיזישן קויעך, רעכן איך, אז איך וואָלט נאָך אוואדע הײַנט געקענט אָפּארבעטן אלס שווארצארבעטער איצט אָבער בארוויק דעם פעטער: איך האָב אויסגעזוכט אן אנדער ארבעט, וויל איך געפין, אז די ארבעט פון א טרעגער איז איבער מײַנע כויכעס.

איך שיק דיר מײַן גרוס.

דײַן זון, וואָס האָט דיך ליב, עליזע".

4 אפ די פלאנטאציעס

באב דאָקטער פײַ האָט זיך עליזע באקאנט מיט א רײַכן פלאנטאטער פאָר־ טיע. פאָרטיע פארמאָגט גרויסע בוימוואָל־און צוקער־פלאנטאציעס אפן ברעג פון מיסיסיפי. ער האָט עטלעכע טויזנט שווארצהויטיקע קנעכט, וואָס ארבעטן א קײַלעכדיק יאָר אונטער די שטראָלן פון דער ברענענדיקער זון.

— עפשער האָט איר, מיסטער רעקליי, כײשעק צו װערנ א לערער בא מײַנע קינדער? — פרעגט פּאָרטיע עליזענ.

— נײנ, — כאַפּט זיכ ארויס בא עליזענ.

— פאַרװאָס? — פרעגט דער פאַרװוּנדערטער פּלאַנטאַטער. — זאָגט, װיפל פאַרדינט איר מיט אײַערע לעקציעס. אונ איכ װעל אײַכ געבנ א צװײיענ־דיקנ געהאַלט, — זאָגט ער, — אײַערע שילער װעלנ זײַנ מײַנ טאָכטער בלאַנש אונ מײַנ זונ מישעל. איכ װעל אײַכ צאָלנ צװײ הונדערט פראַנק א כוידעש מיט גרײטע קעסט אונ דירע... זײַט איר מאַסקים?

דער געדאַנק װעגנ באַקומענ געלט באַם פּלאַנטאַטער איז עליזענ ניט אַנגענעמ, אונ ער װיל זיכ אָפּזאָגנ.

דער פּלאַנטאַטער שטײנט ער איז ניט געװױנט מע זאָל אימ אָפּזאָגנ.

— אײַכ איז װײניק צװײ הונדערט פראַנק א כוידעש? מיסטער פּינ רימס אײַכ שטאַרק אַלס א לערער. איכ גיב אײַכ דרײַ הונדערט. איר װעט זײַנ פאַרנומענ ניט מער פונ פינפ שאָ אינ מעסלעס.

לעבנ אַפ די בוימװאָל־פּלאַנטאַציעס, צוזעענ דאָס לעבנ פונ די פּלאַנטאַטערס אונ פונ די פאַרשקלאַפטע נעגערס, באַנעמענ די קנעכטשאַפט־סיסטעמ אינ איר גאַנצנ פאַרנעמ אונ דערנאָכ דערצײלנ װעגנ דעמ דער װעלט — אָט דער געדאַנק ציט עליזענ צו, אונ ער איז מאַסקים.

— װױל, — זאָגט פּאָרטיע, — איכ װעל הײסנ צוגרײטנ פאַר אײַכ א צימער אונ מאָרגנ װעל איכ שיקנ נאָכ אײַכ דעמ עקיפּאַזש. די קומענדיקע װאָכ װעט איר אָנהײבנ לערנענ מיט די קינדער.

— גוט, — ענטפערט עליזע.

„סאַרא מאָדנע זאַכ דאָס לעבנ איז, — טראַכט עליזע, — איכ בינ געפאָרנ קײנ אַמעריקע, קעדײ צו גרינדנ א פרײַע קאָמונע, אונ אַנשטאָט דעמ בינ איכ אַרײַנגעפאַלנ איצט אינעמ סאַמע גענעמ פונ קנעכטישער מי... דרײַ הונדערט פראַנק אַפ אַלעמ גרײט... אָפּלעבנ אַזױ א יאָר אָדער אַנדערהאַלבנ קאָנ מענ אָפּלײגנ א גאַנצנ קאַפּיטאַל, מיט װעלכנ מע קאָנ גרינדנ א קאָמונע...”

פּאָרטיעס הויז איז געשטאַנענ אַפ א הויכנ באַרג צװישנ ברײטע פּלאַנטאַציעס פונ צוקער־ראָר אונ בוימװאָל. פונװײַטנ נאָכ האָט מענ אַרויסגעזענ דעמ דאַכ אונ די װײַסע קאָלאָנעס באַם פּאַסאַד. אַרומ הויז זײַנענ געװאַקסנ מאַגנאָליעס. װענ עליזע איז געקומענ צו פאָרנ, זײַנענ די מאַגנאָליעס געװענ אינ סאַמע צװית אונ ס׳האָט זיכ אויסגעדאַכט, אַז די בײמער אַלע זײַנענ באַדעקט מיט װײַסע שנײ־פלאַכטעס. פונ די מאַגנאָליעס האָט זיכ צעטראָגנ אַרומ א שטאַרק פאַרשיקערנדיקער רײעכ.

לעמ סאַמע הויז איז געװענ א גרויסער גרינער פּלאַץ, װוּ עס זײַנענ געװאַקסנ קוסטנװײַז װײַסע אונ רויטע ראָזעס. װײַטער אַביסל האָבנ זיכ אַרויסגעזענ אַפּעלסינענ־בײמער אונ לעמ זײ האָבנ, װי א פלאַמ, געברענט די רויט־

מע לאָבעליען. דער גאנצער גאָרטן ארום הויז איז ארומגערינגלט געווען מיט א לעבעדיקער וואנט פון זשאסמינען און זשימאָלאָסט.

עליזען האָט מען אָפּגעגעבן א גרויסן ברייטן צימער אפן צווייטן שטאָק. פונעם פענצטער האָט מען געזען די ארומיקע פעלדער, ווו עס האָבן זיך געפּאָרעט שווארצע נעגער־פיגורן. מע האָט ארויסגעוויזן די שטיבלעך, ווו עס האָבן געוווינט די נעגער־קנעכט, וואָס האָבן געארבעט אף פּאָרטיעס פלאנטאציעס.

באם ווארמעס האָט זיך עליזע באקאנט מיט זײַנע שילער, — מיט בלאנשן, א מיידל פון א יאָר פופצן, און מיט איר ברודער — א יינגל פון א יאָר צען.

בא בלאנשן זײַנען גרויסע קארע אויגן אין א שיין פּאָנעם. בא עליזען האָבן זיך גלײַך אײַנגעשטעלט פרײַנטלעכע באציונגען מיט זײַנע שילער. אינגיכן האָבן זיך בא זיי אָנגעהייבן נאָרמאלע לימודים.

די ארבעט אף די פלאנטאציעס הייבט אָן זיך מיטן זון־אויפגאנג. ווי פרי עליזע פלעג ניט אופשטיין, פלעג ער אין פעלד שוין זען די פיגורן פון די שווארצע קנעכט. די אופזעער פלעגן פארטאָג ארויספאָרן רײַטנדיק אין פעלד און זען, אז אלע נעגערס זאָלן באצײַטנס ארויסגיין אף דער ארבעט.

אף די פלאנטאציעס פלעגן ארבעטן ניט נאָר דערוואקסענע, נאָר אויך קינדער־יינגלעך און מיידלעך. עליזע פלעג אָפט זען פון זײַן פענצטער, ווי אכטיאָריקע נעגערלעך פלעגן גאנצע טעג יעטן די ניסטגראָזן און פלעגן ארומפויזען ווי גרויסע שווארצע זשוקעס צווישן די שטענגלעך פון צוקער־ראָר.

די ארבעט גייט מיט קליינע איבעררײַסן אף ווארמעס און אָנבײַסן ביז סאַמע דער נאכט. דער סאמע פארמאטערנדיקער כוידעש אף די פלאנטאציעס — איז יונ.

נאָך דער ארבעט גייט אוועק עליזע אף די פעלדער. ער גייט פארבײַ בליענדיקע בוימוואָל, קוקט זיך צו צו דער ארבעט פון די קנעכט, הערט זייערע אומעטיקע לידער.

די אופזעער, ווי הינט אף דער וואך, שפּירן נאָך נאָך דער ארבעט. ווי צו דעם, וואָס שטעלט זיך אָפּ און א רעגע אויסגלײַכן די פארמאטערטע פּלייצע אָדער אָפּצווישן דעם שווייס פונעם פּאָנעם! שמיץ פון דער בײַטש שיטן זיך אף די פּלייצעס אָן אונטערשייד, צי דאָס איז א מאנצביל, א פרוי אָדער א קינד...

עליזע פלעג זיך אָפט אײַנשטעלן פאר די נעגערס און פלעג אפעלירן צום געוויסן פון די אופזעער, נאָר זײַנע ווערטער פלעגן ניט אָנהייבן צו רירן אָט די הארטע מענטשן.

אומקערנדיק זיך אינאָוונט, פלעג עליזע ארײַנקומען אין די נעגערשע שטיבלעך. יעדער נעגערשע פאמיליע האָט פארנומען א קליין שטיבל מיט־אן אויוון אינדערמיט.

געקומענ־פונ דער ארבעט, פלעגנ די נעגערס זיכ אויסזעצנ אפנ ערדענעמ דיל לעמ אויוונ אונ עסנ וועטשערע. עליזע האָט זיכ געגריסט אונ פריינטלעכ צוגעשמייכלט, נאָר די שקלאפנ פלעגנ זיכ דערשרעקנ פארנ ווייסנ גאסט אונ פלעגנ שנעל אנשוויגנ ווערנ...

— נו, ווי געפעלט אייכ דאָ בא אונדז? פרעגט בא וואַרמעס די מאַדאמ פאַרטיע בא עליזען.

— אָפנ גערעדט, מאדאמ פאַרטיע, קענ איכ ניט געוווינט ווערנ צו דעמ, וואָס דאָס ברויט, וואָס איכ עס, איז באגאָסנ מיט בלוט אונ שווייס פונ שווארצע קנעכט, — זאָגט רעקליו.

דער הער פאַרטיע קוקט מיט אפעטיט א שטיקל געבראָטענעמ אינדעק אונ קוקט פארוווּנדערט אפ עליזען. דערנאָכ, אראָפשלינגענדיק דעמ ביסנ, כוט ער א פרעג:

— איכ פארשטיי אייכ ניט, הער רעקליו, איר רעדט עס ערנסט? ס'קומט אויס, אז איר האלט פאר אומגעזעצלעכ דאָס, וואָס בא מיר אפ די פלאנטאַציעס ארבעטנ נעגערס?

— יאָ, הער פאַרטיע, ס'איז ניט נאָר אומגעזעצלעכ, ס'איז אייכ קעגנ יעט־ווידער מאָראל...

— איר זיינט דאָכ אנ אבאָליציאָניסט [1], — שלאָגט אימ איבער פאַרטיע. — די נעגערס זיינענ דענ מענטשנ? איכ זע דאָס ערשטע מאָל א ווייסנ דושענ־טעלמענ, וואָס האלט דעמ נעגער פאר א מענטשנ.

— ווער־זשע דענ, מיינט איר, זיינענ די נעגערס?

— יעדנפאלס, ניט אזוינע מענטשנ, ווי מיר מיט אייכ. דאָס זיינענ האלב־ע כייעס, וואָס אונטערשיידנ זיכ ניט קיינ סאכ פונ די מאלפעס.

— דאָס הייסט, אז איר גלויבט ניט, אז דער שווארצהויטיקער שקלאפ קענ אויכ ליבנ, פרייענ זיכ אונ ליידנ, ווי מיר מיט אייכ?

— יאָ, איר זייט אפ אנ עמעס אַנגעשטעקט מיט אבאָליציאָנישע אַידייענ, — זאָגט פאַרטיע. נאָר איר קענט ניט די נעגערס. אז איר וועט זיכ מיט זיי באקענענ נעענטער, וועט איר אנדערש נעמענ ריידנ. א נעגער דאָס איז א כייע, אונ ריידנ מיט אימ קאָנ מענ נאָר מיט דער בייטש אונ מיטנ שטעקנ.

— ניינ, הער פאַרטיע, איר גרייזט. איכ בינ זיכער, אז ס'איז ניט ווייט שוינ די צייט, ווענ אייערע שווארצע קנעכט וועלנ אויסגלייכנ זייערע אויסגעבויגע־נע רוקנס אונ וועלנ נעמענ פאָדערנ פרייהייט...

— דאָס וועט קיינמאָל ניט זיינ.

— רעדט ניט אזוי קאטעגאָריש, הער פאַרטיע. די נייטיקייט אָפצושאפנ די קנעכטשאפט הייבנ שוינ אָנ צו פילנ די בעסטע אינ די סאמע פראָגרעסיווע

1) אבאָליציאָניסט — אזוי האָבנ געהייסנ אינ אמעריקע די, וואָס האָבנ געפאָדערט פארניכטנ די נעגער־קנעכטשאפט.

מענטשן אין אמעריקע. זיי הייבן אָן צו פאַרשטיין, אַז די פרייַע מי איז פראָ־דוקטיווער פאַר דער שקלאַפֿערישער.

— מיר, דאָרעמדיקע, וועלן קיינמאָל ניט דערלאָזן דערצו, — ענטפערט פּאַרטיע מיט אַ זיכערקייט, און קוקנדיק אויף זון זייַנעם, גיט ער צו:

זע, מישעל, הער אים ניט, דעם לערער דייַנעם, ווען ער וועט דיר זאָגן וועגן דער נייטיקייט צו פאַרניכטן די קנעכטשאַפט. דאָס איז אַלץ פּוסטע פּאָר־טאָזיעס...

דאָס ייִנגל איז שווייַגנדיק אַרויסגעגאַנגען פון טיש. בלאַנש האָט אַנטיקט גע־קוקט אויף עליזען מיט אירע גרויסע אויגן. די מאַדאַם פּאַרטיע האָט איבערגע־פירט דעם שמועס אויף אַן אַנדער זאַך. זי האָט אַ פרעג געטאָן בײַ עליזען, וויאַזוי גייען די לימודים מיט איר טאָכטער?

זייער וווּל, האָט געענטפערט עליזע, זי האָט גרויסע פייִקייטן און אַ לויטערן קאָפּ.

בלאַנש איז אינגאַנצן רויט געוואָרן און איז אַרויסגעלאָפן פון צימער.

אויף מאָרגן אינדערפרי האָט עליזע געפונען בײַ זיך אויפן טיש אַ בוקעט רויטע רויזן. אַז ער האָט גענומען דעם בוקעט אין די הענט, איז אויפן דיל אַרויסגעפאַלן אַ צעטעלע. עליזע האָט צעוויקלט דאָס פּאַפּירל און האָט דורכ־געלייענט:

„וועגן די נעגערס בין איך מיט אײַך אינגאַנצן מסכּים. איר האָט געזאָגט אַן אמת, און איר זייַט זייער שטאַרק...“

דאָס לעצטע וואָרט איז פאַרמעקט געווען. דאָס צעטעלע איז געווען אָן אַן אונטערשריפט, נאָר אײנעם קסאַוו האָט עליזע דערקענט, אַז דאָס צעטעלע האָט געשריבן בלאַנש, האָגאָם דער קסאַוו איז געווען עטוואָס געענדערט.

„אַ נאַריש מיידל“ האָט עליזע אַ טראַכט געטאָן.

ער האָט טשילעס געוואָלט דאָס צעטעלע צעריַיסן, נאָר דערנאָך האָט ער עס פּאָרזיכטיק צונויפגעלייגט און עס באַהאַלטן אין קעשענע. בלאַנש איז אין דעם טאָג ניט אַרויסגעגאַנגען פון איר צימער און מיט עליזען זיך ניט געלערנט. דער מוטער האָט זי געזאָגט, אַז ס׳טוט איר וויי דער קאָפּ.

אומבאַמערקט אַזוי איז דורכגעגאַנגען אַ גאַנץ יאָר לעבן באַם פּלאַנטאַטער.

ס׳זייַנען אָנגעקומען די זומער־קאַניקולן. עליזע האָט באַשטימט מאַכן אַ רייַזע אַרויף טייַך איבער מיסיסיפּי אין אַ קוק טון די שטאָט טשיקאַגאָ. מי־סיסיפּי איז אין יענער צייַט געווען נאָך אַ לעפּערעך ווילדלעכער טייַך. אויף די פּילצאָליקע אינדזלען זייַנען האָבן אַרומגעשפּאַנט פּעליקאַנעס און רויטע פלאַ־מינגאָ. די שניי־ווייַסע איביסן מיט די לאַנגע פּעקלעך פעדערן אויפן קאָפּ, פלעגן דערזעענדיק אַ דאַמפער, מיט שרעק זיך באַהאַלטן אין די קוסטעס, וואָס אויפן ברעג.

דער דאַמפער פלעג אַמאָל אַזוי נאָענט צוגיין צום ברעג, אַז מע פלעג קענען מיט די הענט דערלאַנגען די אַראָפּהענגענדיקע צווייַגן פון די ביימער.

די בילדער פונ מיסיסיפּי האָבנ עליזנ פארכאפּט, אונ נאָכ אפּנ דאמפּער זייענדיק, האָט ער אָנגעוואָרפנ א גרויסנ ארטיקל „מיסיסיפּי אונ זיינע ברעגנ“.

עליזע איז אנציקט פונ דער גרויסארטיקער נאטור, ער פילט אינ הארצנ איר מעכטיקנ רופ. בא אימ וואקסט אימ א פארלאנג צו זענ נייע לענדער, צו באאָבאכטנ די גרויסע נאטור־דערשיינונגענ אונ צו שטודירנ דאָס אומענדלעכע לעבנ פונ דער ערד אינ אלע זיינע אנטפלעקונגענ.

נאָר באגלייכ מיט דעמ געפיל איז טיפ אינ הארצנ בא אימ געווענ פארבאָרגנ נאָכ א צווייט געפיל. אָפט, בעת ער איז געזעסנ אויפ דער פּאלובע פונ דאמפּער אונ געקוקט אפ די פארבייפליענדיקע ברעגנ, פלעג עליזע זיכ דערמאנענ אָנ בלאנשנ, אונ אימ פלעג זיכ דיכטנ, אז ער הערט די שטימ פונ זיינ שילערנ, ער זעט אירע קארע אויגנ, וואָס זיינענ אָנגעשטעלט אפ אימ...

עליזע איז ציפרידנ געבליבנ פונ זיינ רייזע איבער מיסיסיפּי. ער האָט מיט באגייסטערונג וועגנ דער רייזע דערציילט זיינע שילער.

באזונדערס איז פונ זיינ דערציילונג אנציקט געווענ בלאנש. פאר דער צייט, וואָס עליזע איז ניט געווענ, איז זי אויסגעוואקסנ אונ איז אביסל אראָפּ פונ פּאָנעמ. עליזע האָט גלייכ באמערקט, אז זי האָט זיכ געליבט, אונ ער האָט מיטאמאָל פארשטאנענ, אז זיינ שילערנ איז שוינ ניט קיינ מיידעלע, נאָר א דערוואקסנ מיידל.

אינ הארצנ בא עליזענ האָט אויפגעוואכט א נייַ געפיל צו בלאנשנ. אָט דאָס געפיל האָט אימ פארווונדערט, אונ ער האָט א גאנצע נאכט ניט געקענט איינשלאָפנ.

„עליזע, — האָט ער אליינ צו זיכ גערעדט, ארומשפּאנענדיק איבערנ צימער, — דאכט זיכ, אז דיר הייבט אָנ צו געפעלנ הערנ דעמ פלאנטאטערס טאָכטער? ביסט, ברודער, פעט געוואָרנ פונעמ שקלאפישנ ברויט. באלע וואָס עס קאָנ זיינ, ס'וועט נאָכ עפּשער קומענ א צייט אונ דו וועסט אליינ ווערנ א „געשעצטער דזשענטעלמענ“, וואָס בארעכטיקט די קנעכטשאפט. ניינ, ניינ, — האָט ער ווייטער געטראכט, — קאָלזמאנ עס איז ניט שפּעט, דארפ מענ אנטלויפנ... גענוג צו לעבנ א זאט אונ פוסט לעבנ“.

אָנ אויפגערעגטער גייט ער צו צומ אָפענעמ פענצטער. דער מיזרעכ איז באפארבט אינ ראָזער פארב. אינגיכנ וועט אויפגיינ די זונ. אפ די פלאנטאציעס איז שוינ צו באמערקנ די שווארצע שאָטנס פונ די קנעכט. עליזע זעצט זיכ צומ טיש אונ שרייבט א לאנגנ בריוו זיינ ברודער עלי.

„מיינ הייס געליבטער אונ טייערער עלי!

איכ מעלדע דיר די לעצטע נייעס. איכ האָב פעסט באשטימט, אויב, פארשטייט זיכ, קיינ דונער וועט מיכ ניט טרעפנ, צו פארלאָזנ די שטעלע בא פּאָרטיע אונ אוועקלאָזנ זיכ אינ דאָרעמ־אמעריקע.

די טעג פאַר איך קיין ניו־אָרלעאַנס את כ׳וועל זען אומבאַדינגט געפינען א מענטשן, וואָס זאָל מיך פאַרבעטן, וואָס זאָל מאסקים זיין איבערנעמען מיין יאַך, קעדיי אָנצושלאָגן די קעשענעס מיט מאראוועדיסן 1) אנשטאָט מיר.

ווערסט דאָך פרעגן, פאַרוואָס לויף איך פון דער פלאַנטאַציע? פאַראַן אסאַך סיבעס דערויף, מיין טייערער. פאַרן „געזונטן פאַרשטאַנד" זיינען די מאָטיוון, פאַרשטייט זיך, „אומזיניק".

קוידעמקאָל בין איך מיד פון אסאַך עסן און טרינקען. איך בין מיד פון שלאָפן אף א ווייכער און ווייכער בעט, מיד פון זאטן בורזשואזן לעבן ביכ־לאַל. איך פיל, אז מיינע מוסקולן ווערן שלאַבעריק, כאָטש איך גיט זיך אָפּ אַלע טאָג מיט וואַסער און מאַך גימנאַסטיק. איך דאַרף אביסל הונגער, שלאָפן אף דער הוילער ערד און לעבן, ווי א שלעפּער־יונג, קעדיי ניט צו פאַרגעסן איינגאַנצן, אז אף דער וועלט איז פאַראַן נייט און הונגער.

דאָס ווערט, פאַרשטייט זיך, זיין אָרנטלעכער, איידער באַגאַנווענען די נעגערס. מיט זייער בלוט און שווייס שאַפן זיי דאָך איך פאַר מיר אָט יענע געלט, וואָס איך לייג אריין צו זיך אין קעשענע. סאָפּקאָלסאָף, שלאָג איך דאָך איינגאַנצן מיט דער ביטש די נעגערס, עמעס, מיט דעם אופּווערטס האַנט, און דאָס פייניקט מיך... און אָט דעריבער באַשליס איך וואַרפן די שטעלע באַם פלאַנטאַטער און לויפן... לויפן...

וואָס וועל איך טאָן? ווערסטו פרעגן. זאָל דער גאָט, וואָס וואַלטער האָט אים אויסגעטראַכט, מיך באַפרייען פון געדאַנק וועגן דער צוקונפט. דערווייל וועל איך גיין זיך ארומשלעפן איבער דער וועלט, און כ׳וועל זיך אזוי ארומ־שלעפּן ביזוואַנען איך וועל ניט פאַרעסן דעם לעצטן קנעפּל פון מיין פידזשאַק. אז איך וועל בלייבן אָן איין סאַנטים, וועל איך זיך באַזעצן אף איינ׳עם אָרט און אָנהייבן לעבן אזוי, אז איך זאָל מיט אָרנטלעכער ארבעט פאַרדינען זיך א שטיקל ברויט און אביסל שטרוי אף א מאַטראַץ... מיט וואָס איך וועל זיך פאַרנעמען? איצט איז שווער צו זאָגן. ס׳קען זיין, אז איך וועל ווערן א פּאַסטעך, ס׳קאָן זיין, אז איך וועל זיך פאַרנעמען מיט הינט שערן און ס׳קען זיין, אז כ׳וועל ווערן א מאָליער... מעגלעך, אז כ׳וועל אויס־שמירן דאָס פּאָנעם מיט כאָושע און וועל ווערן א שוואַרצהויטיקער, קעדיי צו זיין אין דער הויט פון א נעגער און איבערלעבן דאָס, וואָס די נעגערס לעבן איבער...

אָט וואָס פאַרא פּלענער באַ מיר איז, ליבער עלי. ווען איך וועל מיד ווערן פון אזא לעבן, וועל איך זיך אָפּשטעלן אין א פּרעכטיקן טאָל, ווו ס׳ניט איז באַם צופוסנס פון די אנדן, אף א ברעג פון א שטראָמיקן טייַך און איך וועל פאָדערן פאַר זיך פון דער רעגירונג פון ניו־גרענאַדע צען העקטאַרן. אף אָט דעם שטיקל ערד וועל איך אויסבויען א קליין שטיבל, וווהין

1) מאַראַוועדיס — אַן אַלטע שפּאַנישע מאַטבייע. דאָ באַנוצט רעקליו דאָס וואָרט איראָניש, אנשטאָט דעם וואָרט „דאָלער".

איך לאַד אײַך אײַן צו גאַסט, דיך און דײַן יונגע פֿרוי. און מיר וועלן זאַלבעדריט אַזוי אָפּלעבן, ווי אין א גאַניידן, ביז עס וועט אונדז ניט דערעסן.

אויב איר וועט ניט וועלן קומען צו פֿאָרן, איז מײַן פּלאַן אַזאַ. איך טרוים שוין לאַנג אָנצושרײַבן א געאָגראַפֿיש ביכל. איך האָב שוין אין שוואַרצן אַסאַך אָנגעוואָרפֿן, נאָר ס'איז נאָך ווייניק, איך וויל זען די גרויסאַרטיקע געגנדן, באַאָבאַכטן די גרייסטע דערשײַנונגען פֿון דער נאַטור: דעם אויסברוך פֿון ווולקאַנען, די ציקלאָנען, אײַזבערג, אויסלערנען דאָס לעבן פֿון די טראָפּישע לענדער, קעדײַ בעסער איבערצוגעבן דעם ציטער, דעם פֿלאַטער פֿון אָט דעם לעבן אין מײַן קומענדיקן ביכל.

אָט, טײַערע עלי און נאָעמי, וואָס פֿאַרא פּלענער עס וווינען בא מיר. זײַט מיר דערווײַל געזונט.

אײַער עליזע.

5. אונטער די טראָפּיקעס

דער קאַראַיִבער ים. דער מיטלענדישער ים פֿון דער נײַער וועלט... וויפֿל היסטאָרישע געשעענישן זײַנען פֿאָרגעקומען אויף דײַנע ראַבוועסדיקער ברייט! איבער דײַנע כוואַליעס זײַנען אַמאָל געשווימען כריסטאָפֿאָר קאָלומבס שיפֿן, וואָס האָבן געזוכט דעם יאַמוועג קיין אינדיע. דו האָסט געזען דאָס לעבן פֿון די שפּאַנישע באַלבאָאַ, קאָרטעז, פּיזאַראָ און הונדערטער אַנדערע, וואָס האָבן געשטרעבט אָפּצוזוכן דאָס סוידעסדיקע לאַנד פֿון גאָלד — עלדאָראַדאָ. מיט א צײַט שפּעטער האָט דײַן ברייטע ראַבוועס געווימלט מיט אָן א שיר שיפֿן, געלאָדענע מיט לעבעדיקע סכוירע — נעגער־שקלאַפֿן, אָפּגעריסענע מיט גוואַלד פֿון די אַפֿריקאַנישע וועלדער.

דער קאַראַיִבער ים איז א בלויע פֿלאַך, מיטן אויג ניט אַרומצוכאַפּן, פֿול מיט לופֿט און שײַן. ס'דאַכט זיך, אַז דער דאַמפֿער ריקט זיך צווישן צוויי בלויע אָפּגרונטן, צעעפֿנטע איינער פֿון דער נידער און דער צווייטער פֿון הייך. באַנאַכט איז דער קאַראַיִבער ים איבערגעהײַער שײַן, אין זײַנע טיפֿן אָפּגרונטן שפּיגלען זיך אָפּ מיט א ציטער די שטערן פֿונעם דאַרעמדיקן הימל.

עליזע האָט די גאַנצע נאַכט פֿאַרבראַכט אויף דער פּאַלובע פֿונעם קליינעם דאַמפֿער „פֿילאַדעלפֿיע", וואָס קורסירט צווישן נײַ־אָרלעאַן און דעם פּאָרט קאָלאָן־אַספּינוואַל, וואָס געפֿינט זיך אויפֿן פּאַנאַמער לאַנדפּאַס.

עס האָט אָנגעהויבן טאָגן. דאָס געשטערן פֿונעם דאָרעם־קרייץ איז בלאַסער געוואָרן.

אינעם פֿרימאָרגן נעפּל האָט זיך באַוויזן די ערד. אינגיכן האָט דער אויפֿגאַנג פֿון דער זון באַשײַנט די הויכע באַרג־שפּיצן. גאַנץ פֿרי איז „פֿילאַדעלפֿיע" אַרײַנגעקומען אין פּאָרט.

ווי נאָר די דרײַ הונדערט פּאַסאַזשירן זײַנען אַראָפּ אויפֿן ברעג, האָט זיי אַרומגערינגלט אַ פֿאַרשיידנשפּראַכיקער האַמוין. דאָ זײַנען געווען נעגערס פֿון יאַמײַקע, סאַנ־דאָמינגאָ און פֿון מאַרטיניקע, און כינעזער, און אירלענדער...

אַלע האָבן זיי גערעדט אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן און זײַנען גרייט געווען צו באַדינען די פּאַסאַזשירן, שלעפּנדיק בײַ זיי די זאַכן, קוים אַרויסרײַסנדיק די זאַכן בײַ די פּאַסאַזשירן פֿון די הענט.

דער פּאַנאַמער לאַנדפּאַס, וואָס פֿאַרבינדט ביידע אַמעריקאַנער קאָנטינענטן, איז אַליין פֿאַר זיך מיט גאָרניט אינטערעסאַנט. עליזע שטעלט זיך ניט אויף לאַנג אין קאָלאָנע און לאָזט זיך מיט אַ קלענער זעגלשיף ווײַטער אויף דאָרעם.

אין צוויי וואָכן אַרום איז ער אָנגעקומען אין דער אַלטער שפּאַנישער שטאָט קאַרטאַגענע. פֿון דאַנען האָט זיך עליזע געלאָזט צופֿוס איבער קאָלומביע.

קומענדיק צום גרויסן דאָרעם־אַמעריקאַנישן טײַך מאַגדאַלענע, האָט עליזע געדונגען אַ שיפֿל און האָט זיך געלאָזט אַראָפּ איבערן טײַך. דערנאָך איז ער מיטן שיפֿל דורכגעפֿאָרן איבער די לאַגונעס ביז דער שטאָט סיענערע. דאָ איז ווידער עליזע אַוועק צופֿוס אין דער ריכטונג פֿון דער שטאָט סאַנטאַ־מאַרטאַ.

אײַנאיינעם מיט אַן אינדיאַנער, אַ וועגווײַזער, און אַן אייזל, אויף וועלכן ס'איז געווען אָנגעלאָדן זײַער באַגאַזש, האָט עליזע זיך געקראַבקעט צווישן די געדיכטע קוסטעס פֿון מימאָזן און קאַקטוסן. אָפֿט איז ניט מעגלעך געווען זיך דורכצושלאָגן דורך די שטעכיקע געוויקסן, און עליזע פֿלעגט זיך אַראָפּלאָזן צום ים. דאָ איז אָבער דער וועג געווען נאָך שווערער, ס'איז אויסגעקומען צו גיין איבער הייסן זאַמד, וואָס האָט צעבאַקט די פֿיס.

די היץ האָט זיך גענומען פֿילן נאָך שטאַרקער, ווען ס'איז אויסגעקומען צו גיין דורך די שטיין־זאַמדן.

עליזע האָט שווער געאָטעמט און ער האָט געליטן פֿון דאָרשט.

— ס'איז נאָך ווײַט צו אַ דאָרף? האָט ער עטלעכע מאָל געפֿרעגט בײַם באַגלייטער. און יענער פֿלעגט אַלעמאָל ענטפֿערן איינס און דאָסזעלבע:

— גיך, באַלד.

מע פֿלעגט דורכגיין נאָך עטלעכע קילאָמעטער, און קיין שום דאָרף איז ניט געווען.

— וווּ־זשע איז דאָס דאָרף?

— ס'וועט באַלד זײַן.

מיטאַמאָל כאַפּט זיך דער אינדיאַנער אַרויף אויפֿן אייזל, שלאָגט אים מיט די פֿיס, און דער אייזל לאָזט זיך לויפֿן. אין גיכן פֿאַרשווינדן פֿון אויגן דער אינדיאַנער צוזאַמען מיטן אייזל. עליזע בלײַבט אַליין אין ווילדן שטיינערנעם אומהאַסטרדיקן מידבער.

עליזע פֿילט, ווי מיט יעדן טראָט ווערן זײַנע קויכעס שוואַכער. דער דאָרשט מאַטערט אים אומבעראַכמאָנעסדיק. כאָטש איין טראָפּן וואַסער. נאָר קיין

וואַסער איז אינערגעץ ניט צו געפֿינען. ארום איז שטיינערנער מידבער. ס'פֿאַרדרייט זיך אים דער קאָפּ.

„כ'קאָן כאַפּן א זון־שלאָג“ — טראַכט עליזע. — „מע מוז וואָס גיכער דערגיין צו א וואַלד“. נאָר מע זעט ניט קיין שום וואַלד. מיט אומגעהייערע אָנשטרענגונגען רוקט זיך עליזע פֿאָרויס. נאָר אָט האָבן זיך באַוויזן שטעכיקע קאַקטוסן און מימאָזן. פֿונעם שאַרענדיקן מימאָזן־רייעך ווערט אים ניט גוט. עליזע גייט און שאָקלט זיך, אַזוי ווי א שיקערער, אָנשטרענגענדיק דאָס לעצטע ביסל קויכעס.

שאַ — וואָס איז דאָס? פֿאָרויס צווישן די געלע זאַמדן בלישטשעט א וואַסערל. זאָל דאָס זײַן א טײַך? יאָ, ס'איז א ריטשקעלע. אפֿן צווייטן ברעג — אינדיאַנישע שטיבלעך. עליזע פֿאַלט צו זשעדנע צו דער ריטשקע און טרינקט די פֿרישע וואַסער, דערנאָך גייט ער אַריבער די ריטשקע און לאָזט זיך צום ערשטן שטיבל. די קויכעס אָבער פֿאַרלאָזן אים און ער פֿאַלט כאַלאָשעס אַפּ דער שוועל פֿון אַן אינדיאַנער ראַנטשאָ.

ווען עליזע איז געקומען צו זיך, האָט ער דערזען, אַז פֿרויען־הענט הייבן אים אונטער דעם קאָפּ און טראָגן אים צו צום מויל א גלאָז וואַסער. א שיינע יונגע אינדיאַנערין האָט זיך אָנגעבויגן איבער אים. דערזעענדיק, אַז עליזע האָט צעעפֿנט די אויגן, האָט זי גענומען עפּעס ריידן אַפּ איר גאָרגלדיקער אויסשפּראַך.

עליזע קוקט מיט דאַנקבאַרקייט אַפּ דעם מיידל. זי ברענגט צו טראָגן פֿרישע באַנאַנען און עפּעס אַזיינע לאַטקעלעך. עליזע עסט מיט אַפּעטיט. ביסלעכווײַז קערן זיך אום צו עליזען די קויכעס. עליזע דאַנקט אָפּ דעם מיידל און קלײַבט זיך גיין ווײַטער. נאָר אין קאָפּ גייט אים דורך א געדאַנק: „נאָך וואָס איז דאָס אומגיין פֿון איין לאַנד אינעם צווייטן און יאָגן זיך ווי נאָך עפּעס א כאָלעם? איז דען ניט בעסער זיך באַזעצן אַפּ איין אָרט, אויסבויען א שטיבל אפֿן ברעג טײַך און נעמען לעבן מיט א פּאַשעטן לעבן פֿון דער שיינער און קרעפֿטיקער נאַטור? צו וואָס איז דאָס לויפֿן, ווייס איך וווהין, אַז מע קאָן גאָר, מעגלעך, גליקלעך זײַן אין א פּאַשעטן שטיבל אונטערן שאָטן פֿון א קאָקאָס־פּאַלמע? ניין, ניין, — זאָגט צו זיך אַליין עליזע, — דו דאַרפֿסט גיין פֿאָרויס“. און ער לאָזט זיך ווידער גיין איבערן מידבער. נאָך עטלעכע שאָ גאַנג האָבן זיך פֿונווײַטן באַוויזן די ווײַסע מויערן פֿון דער שטאָט סאַנטאַ־מאַרטאַ.

6. סאַנטאַ־מאַרטאַ

דאָס שטעטל סאַנטאַ־מאַרטאַ איז א טיפּישער שפּאַניש־אַמעריקאַנישער יישעוו. אַלע גאַסן זײַנען פֿאַרוואָקסן מיט הויכע גראָז. די אויסגעברוקירטע שטיינ־סטעזשקעס שלענגלען זיך פֿאַרבײַ די נידעריקע ווײַסגעפֿאַרבטע הײַזער. אין די

עקן שטאָט טוליען זיך קאַראַיִבישע כאַטקעס, געדעקטע מיט פאַלמע־בלעטער און די אָרעמע הײַזער פון די וועסט־אינדישע נעגערס.

סאַנטאַ־מאַרטאַ שטייט אפן ברעג פון קאַראַיִבער יאַם. דער גאַנצער ברעג־פאַס איז באַוואַקסן מיט געדיכטע דזשונגליעס. אין אייניקע ערטער האָט מען בא די דזשונגליעס אויסגעקעמפט קליינע שטיקלעך ערד פאַר פּלאַנטאַציעס פון צוקער־ראָר. דאָרטן וואַקסן אויך אַפּעלסינען און באַנאַנען.

נאָכן שמאָלן ברעג־פאַס גייען די הויכע בערג־קייטן. זייערע שפּיצן זײַנען באַדעקט מיט אייביקן שניי. אָט די פון קיינעם נאָך ניט אויסגעפאָרשטע בערג האָבן געצויגן צו זיך עליזען.

אין סאַנטאַ־מאַרטאַ, ווי בכלל אונטער די טראָפּיקעס, גייט דאָס לעבן לאַנגזאַם־פויל. לעבעדיקער אַביסל איז נאָר אפן מאַרק, און דאָס נאָר אינדערפרי, ווען די אינדיאַנער פון די אַרומיקע געגנטן ברענגען צו פירן זייערע פּראָדוקטן. אפן פּלאַץ באַם ברעג יאַם, לעבן די כורוועס פון אַ פאַרצײַטיקן שפּאַנישן שלאָס, צעלייגן די אינדיאַנער זייערע סכוירעס: פיש, קראַבן, אייער, מאַיִס־פּלעצלעך, מוירעדיק גרויסע באַנאַנען און קאַקאָס־ניס.

אפן פּלאַץ קומען זיך צונויף מולאַטן, מעסטיצן, נעגערס, קרעאָלן, קרעאָלקעס אין מאַנטיליעס מיט בלומען אין די האָר. בא אַסאַך זיצט אפן אַקסל אַ פּאַפּוגײַ. פון אזייגער אכט אינדערפרי הייבט אָן שטאַרק דאָקוטשען די היץ. אין די הײַזער פאַרמאַכט מען די לאָדן. די גאַסן ווערן פּוסט. די אײַנוווינער באַהאַלטן זיך אין שאָטן פון די סעדער אָדער מע ליגט אין די אונטערגעהאַנגענע האַמאַקעס אין די קאַלטע קאָרידאָרן.

— בא אונדז איז אַ גאַנצן טאָג אַ נאָכמיטיקדיקע אָפּרו־שאָ, — זאָגט צו עליזען דער אַלטער דאָן כאָזע, בא וועמען עליזע האָט אָפּגעדונגען אַ צימער.

— דאָס ניט־טון גאָרניסט פאַרמאַטערט אָבער, — זאָגט עליזע.

— מע קען געוווינט ווערן, — ענטפערט דאָן כאָזע. — אָט איך, לעמאָשל, טו איין זאַך נאָר — איך שלאָף און איך רויכער מיר די פּיפּקע. איך גיי אַפילע אין מאַרק ניט. ווען־ניט־ווען פאָר איך זיך אַביסל אין סאָד... יאָ, מיר זײַנען פויל, נאָר שולדיק זײַנען דערין די טראָפּיקעס. זיי וויגן אויס באַם מענטשן דעם גאַנצן זאַפט. די זון מיט אירע ברענענדיקע שטראַלן באַקט דאָ אַזוי, אַז אַפילע דער מאַרך אין די ביינער ווערט צעגאַנגען...

— נאָר סאַראַ קלימאַט פונדעסטוועגן אַ געבענטשטער דאָ איז, און ווי ראַשיק גיך דאָ וואַקסט אַלץ, — סאַראַ שעפע פון פרוכטן... סאַראַ ראַכוועס דאָ איז; דער מענטש קאָן דאָ פיל אויפטון, פאַטערנדיק גאָר ווייניק קויכעס, — זאָגט עליזע.

— איר זאָגט — אַ ראַכוועס, — ענטפערט אומצופרידן דאָן כאָזע. — דאָ איז קיין שום ראַכוועס ניטאָ, דאָ איז בלויז אַ שמאָלער פּאַסיק ערד, פאַרקלעמט צווישן דעם יאַם און די בערג. עס רינגלען אונדז אַרום מוירעדיק געדיכטע וועלדער מיט יאַגואַרן, טאַפּירן, פּאַוויאַנען און שלאַנגען; אָט די אַלע כײַעס מאַכן אַ טייל פון אונדזער פּאַרזיי.

אין סאַנטאַ־מאַרטאַ אַפֿן מאַרק האָט זיך עליוע באַקאַנט מיט אַן אינדיאַנער, וואָס האָט געהייסן זאַמבע סימאָנגואַמע. דער אינדיאַנער האָט געוווינט אין די בערג און פֿלעגט ברענגען צו פֿירן אַפֿן מאַרק צוקער־ראָר. ער האָט שטאַרק געבעטן עליוען צו זיך צו גאַסט, און עליוע האָט אין עטלעכע טעג אַרום זיך אַוועקגעלאָזן צו אים אין די בערג.

עליוע איז אַרויסגעגאַנגען פֿון סאַנטאַ־מאַרטאַ גאַנצפֿרי אין דער באַגלייטונג פֿון אַ יונגן געזונטן אַכצניאָריקן מולאַט. דאָס פֿיר־פֿיסיקע־סטעזשקעלע האָט זיך געצויגן מיט זיגזאַגן אַרום צווישן הויכע פֿעלדזן. צו האַלבן טאָג האָבן עליוע מיט זײַן באַגלייטער דערגרייכט דאָס דאָרף מאַמאַטאָקאָ. דער מולאַט האָט זיך אָפּגעזאָגט ווײַטער צו באַגלייטן עליוען. ער האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט ניט דעם וועג. די אינדיאַנער פֿונעם דאָרף מאַמאַטאָקאָ האָבן עליוען ניט געראָטן צו גיין אַליין אין די בערג. זיי האָבן געזאָגט, אַז אין די פֿעלדער איז פֿאַראַן אַסאַך גרויסע שלענג אַנאַקאָנדע, וואָס פֿאַלן אָן אויף מענטשן. איינער אַ אינדיאַנער האָט פֿאַרזיכערט עליוען, אַז אין די בערג וווינען קריגערישע אינדיאַנישע שבֿטים, וואָס הרגענען אויסלענדער מיט פֿײַלן, אָפּגעסאַמטע מיטן סאַם קוראַרע.

נאָר די אַלע מעשׂיות האָבן עליוען ניט איבערגעשראָקן, און צעשיידנדיק זיך מיטן מולאַט, איז ער אַוועק איבער דעם באַרג־סטעזשקעלע ווײַטער.

אינגיכן איז ער אַרײַנגעקומען אין אַ גרויסאַרטיקן וואַלד, דערנאָך האָט דאָס סטעזשקעלע אים געבראַכט צו פֿירן אײַנעם גרינעם טאָל באַנדע. אין דער סאַמע מיטן טאָל האָט ער דערזען אַ ראַנטשאָ, אַרומגערינגלט מיט באַנאַנען און פּאַלמען. דאָס איז געווען די וווינונג פֿון זאַמבע סימאָנגואַמע.

זאַמבע האָט פֿרײַנטלעך אויפֿגענומען עליוען. ער איז אַוועקגעלאָפֿן צונויפֿרופֿן זײַנע פֿרײַנט. זאַמבע האָט געבראַכט פֿון ערגעץ אַן אַרבוז־פֿלאַש מיט אָרטיקן בראָנפֿן „טשיטשאַ". די פֿרוי זײַנע, אַ אינדיאַנערן מיט צעלאָזטע האָר, ענלעך אויף אַ פֿערדישער גריווע, האָט צוגעגרייט זיסע לאַטקעס, געבראַכט קיילים מיט צוקער־ראָר און באַנאַנען.

אויף מאָרגן איז זאַמבע אַוועק מיט עליוען אין דאָרף מאַזינגאַ, וואָס איז געלעגן נאָך העכער אין די בערג. אָט דאָ אין דאָרף האָט עליוע געפֿונען אַ מענטשן, וואָס האָט זיך גענומען אים באַגלייטן צום שפּיץ פֿון באַרג, וואָס הערשט איבער דער גאַנצער געגנט פֿון סאַנטאַ־מאַרטאַ.

דאָס אויפֿהייבן זיך אויף די בערג איז געווען שרעקלעך שווער. נאָך עטלעכע שעה גאַנג האָט זיך עליוע דערפֿילט זייער מיד, און דער באַגלייטער זײַנער האָט זיך אָפּגעזאָגט ווײַטער צו גיין.

אָפּרוענדיק אַ ווײַלע אויף אַ פֿעלדז, פֿונוואַנען ס'האָט זיך אַרויסגעזען אַ גרויסאַרטיק בילד פֿונעם קאַראַיִבער ים און פֿונעם גאַנצן וועגצוועלן ברעג, האָט עליוע באַשטימט גיין נאָך העכער. דער אינדיאַנער אָבער האָט זיך אָפּגעזאָגט אים צו באַגלייטן ווײַטער און האָט געזאָגט, אַז העכער גייען פֿאַר־

קישעפטע בערג אין עס ווינען דאָרט רוכעס, וואָס וואַרפן אַראָפּ מענטשן אין אָפּגרונט.

בלײַבן אַלײן אין די בערג האָט עליזע זיך ניט אײַנגעשטעלט, און זיי האָבן זיך צו דער נאַכט אַראָפּגעלאָזט אין דאָרף מאַזינגע. אויף מאָרגן איז עליזע שוין ווידער געווען בײַ זאַמבען און האָט פֿאַרבראַכט אין זײַן ראַנטשאָ עטלעכע טעג.

7. איבער די בערג און טאָלן פֿון סיערע־נעוואַדע

דער פֿעלדזיקער ברעג, וואָס צו מיזרעך־צו פֿון סאַנטאַ־מאַרטאַ, איז אינ־גאַנצן אומבאַוווינט. די בערג פֿון סיערע־נעוואַדע גייען דאָ צו קימאַט האַרט צום יאַם. נאָר אײנעם טאָל פֿונעם טײַך ריאַ־אַטשאַ טרענען די בערג אָפּ פֿונעם יאַם און עס הייבן זיך אָן די פּליינען, איבער וועלכע עס וואַנדערן אום די אינדיאַנער פֿונעם שײַוועט גאָאַכיראָ.

ניט געפֿונען אין דער געגנט פֿון סאַנטאַ־מאַרטאַ קײן פּאַסיקן אָרט פֿאַר אַ קאָלאָניע, האָט זיך עליזע געלאָזן גיין צופֿוס מיטן טײַך ריאַ־אַטשאַ אַרויף אַלײן אָן באַגלייטער.

נאָך אַ פֿאַרמאַטערדיקן טאָג גיין פֿלעגט ער זיך אָפּשטעלן ערגעץ אויפֿן ברעג טײַך, צעלייגן אַ פֿײַער און זיך אָפּקאָכן עפּעס עסן. אַמאָל פֿלעגט ער אין וואַלד געפֿינען פֿרוכטן, וואָס מע קען זיי עסן. דערנאָך פֿלעגט ער אונטערלייגן צוקאָפּנס זײַן רוקזעקל און אײַנשלאָפֿן ווערן, האַלטנדיק אין דער רעכטער האַנט די „מאַטשעטע" דעם גרויסן יעגערשן מעסער.

באַנאַכט אַמאָל פֿלעגט זיך הערן דאָס רעווען פֿונעם יאַגואַר. דאַן פֿלעגט עליזע זיך אויפֿכאַפּן, צולייגן האָלץ צום שײַטער, און די כײַע פֿלעגט אַוועק. אײנמאָל, אויפֿכאַפּנדיק זיך פֿאַרטאָג, האָט עליזע אַ פֿאַרציטערטער דערזען די אַלפּאַמברע. זיך פֿאַרטשעפּעט מיטן עק פֿאַר אַ כוק. האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן סאַמע פּאָנעם עליזען. דער גיפֿטיקער פּיסק פֿון דער שלאַנג איז שוין געווען ברייט צעעפֿנט, זי האָט זיך שוין געגרייט אַ כאַפּ צו טון איר קאָרבן. עליזע איז אויפֿגעשפּרונגען און, ניט פֿאַרלירנדיק זיך, האָט ער מיט אײן האַק פֿון מעסער אָפּגעהאַקט דער שלאַנג דעם קאָפּ. דער מוירעדיקער גוף פֿון שלאַנג איז געבליבן הענגען אָן אַ קאָפּ אויפֿן בוים, ווי אַ גראָבער שטריק.

נאָך אָט דעם צופֿאַל פֿלעגט עליזע אײַנאָרדענען זײַן נאַכטלעגער שוין ניט אונטער די ביימער, נאָר אויפֿן זאַמד, בײַם ברעג טײַך. דאָ איז אָבער געווען אַן אַנדער סאַקאָנע. אײנמאָל האָט זיך עליזע אײַנגעאָרדנט אויף נאַכט אויף אַ זאַמדיקן ברעג טײַך. די נאַכט איז געווען אַ שטילע. די שטערן אין הימל האָבן העל געלויכטן. דער ברעג, וואָס איז באַדעקט געווען מיט דינעם טרוקענעם זאַמד, האָט געבלישטשעט בײַ דער שײַן פֿון דער לעוואָנע.

עליזע האָט אראָפּגענומענ פונ זיכ זײַנ רוקזאק, האָט אים אװעקגעלײגט צוקאָפּנס אונ איז אנדרעמלט געװאָרנ. די אומצאָליקע מאָסקיטנ האָבנ אים ניט געלאָזנ צורו. עליזע האָט דורכנ שלאָפ געהערט אַלע קלאַנגענ פונ אַרום — דאָס הודענ פונ די מאָסקיטנ אונ דעם געשריי פונ די רעװענדיקע מאַלפּעס.

מיטאָמאָל איז צו די קוילעס צוגעקומענ עפּעס א געריש, װאָס װערט אַלצ גרעסער אונ גרעסער. ס'האָט זיכ געהערט בליצנ, קראַכנ אונ אויס־געשרייענ פונ פאַרצװייפלונג. דער שלאָפ איז געװאָרנ א קאָשמאַר, אונ — עליזע האָט זיכ אויפגעכאַפּט. די אויפכאַפּונג איז פּונקט געװענ צו דער צײַט: אפ עליזענ האָט זיכ גענומענ אַרונקנ א מײַעדיק גרויס װאַסער, פאַרגיסנדיק די זאמד, אפ װעלכער עליזע איז געשלאָפנ. עליזע האָט א כאַפּ געטאָנ שנעל זײַנ זעקל, אונ מיט צװיי־דרײַ שפּרונג איז ער געװענ אפנ הײבערגיקנ שיפּוע. עליזע האָט זיכ אויסגעקערעװעט אונ א קוק געטאָנ דאָס אָרט, װו ער איז מיט א מינוט צוריק געלעגנ איז שוינ באַדעקט געװענ מיט װאַסער.

די כװאַליעס האָבנ זיכ געדרייט, זיכ צעשפּריצט אונ זיכ דורכגעטראָגנ מיט א דולנ סװישטש. די װאַסער האָט געיאָגט פעלדזנשטיקער אונ זיי געקלאַפּט איינער אָנ דעם צװייטנ. ביימער, אויסגעריסענע מיט די װאָרצלענ, האָבנ זיכ שװער געטוקט אונ זיכ צונויפגעשטויסנ מיט די שטיינער. די ברעגנ האָבנ די גאנצע צײַט געציטערט אונטער די קלעפּ פונ די שױמענדיקע כװאַליעס...

„איינ מינוט נאָכ, װענ איכ זאָל זיכ, װאָלט דער ברײַנדיקער שטראָם מיכ פאַרשלונגענ", האָט עליזע א טראַכט געטאָנ.

8. צװישנ אינדיאַנער

ס'האָט גענומענ נאַכט װערנ. די זונ האָט ערגעצ הינטער די שנייִקע שפּיצנ פונ סיערע־נעװאַדע זיכ באַהאַלטנ. װי נאָר די לעצטע זונ־שטראַלנ זײַנענ פאַרשװאונדנ, איז מיטאָמאָל אינ די בערג קאַלט געװאָרנ.

דער קורצער טראָפּישער פאַרנאַכט איז גיכ פאַרבײַ אונ די נאַכט האָט זיכ צעשפּרייט מיט אירע שװאַרצע פליגל איבער די בערג.

עליזע מיט דעם װעגקאָמפּאַניאָנ זײַנעם, מיט דעם יונגנ קרעאָל ליװיזיטאָ, האָבנ אויסגעזאָטלט די אייזלענ, אראָפּגענומענ פונ זיי די פּעק סכוירע אונ שפּײַז אונ זײַנענ געבליבנ נעכטיקנ בײַ א ברעג פונעמ טראָפּישנ װאַלד. ליװי־זיטאָ האָט אָנגעקליבנ שטיקער שטעקנס, דיכטאַרניק אונ צעלייגט א שײַטער.

דער פלאַקער האָט פריילעכ אַרומגעכאַפּט די טרוקענע צװײַגנ. עליזע האָט זיכ מיט פאַרגעניגנ צוגעזעצט צום פײַער אונ גענומענ פאַרשרײַבנ אינ א העפט די אײַנדרוקנ פונעמ טאָג.

„אינ די טאָלנ פונ סיערע־נעװאַדער בערג ביז סאַנטא־מאַרטא װוינענ שװאָטים פונ אינדיאַנער אַרואַקנ. די דאָזיקע אינדיאַנער רופנ זיכ אַליינ „קאָ־העבא", אפ זייער לאָשנ הייסט עס „מענטשנ". די אַרואַקנ פאַרנעמענ זיכ מיט ערדאַרבעט אונ זײַנענ ביכלאַל א פרידלעכ פאָלק".

באַנצפרי לאָזן זיי זיך ווײַטער גיין. די שווער אָנגעלאָדענע אייזלען פּאַרסקען און הוסטן. ליוויזיטאָ האָט אָנגענומען אַסאַך איבעריקע זאַכן. ער האָט גענומען צוויי ביקסן, צוויי פּיסטאָלעטן, עטלעכע יעגער־מעסערס און צוויי העק. ליוויזיטאָ רײַזט דעם ערשטן מאָל צווישן בערג, ער ריכט זיך די גאַנצע צײַט אויף אַן אָנפאַל פון אינדיאַנער.

האַלבן טאָג שטעלן זיך אָפּ עליזע מיט ליוויזיטען אָפּרוען אין אַ קליין אינדיאַניש דערפל. עליזע צעלייגט זײַנע סכוירע נאָדלען, פאַרביקע וואָל און לענטעס. אינגיכן הייבט זיך אָן דער אויסטויש: די אינדיאַנערס ברענגען באַנאַנען, צוקער־ראָר, ציבעלעס, קאַרטאָפל; די מאַנצבילעס פרעגן זיך נאָך אויף „טשיטשאַ" ברענענדיקע [illegible]ער בראָנפן, און ווערן זייער אַנטוישט פון עליזעס ענטפער, אַז קיין „טשיטשאַ" האָט ער ניט.

די אינדיאַנער זײַנען זייער פאַרוווּנדערט פון דעם, וואָס עליזע נעמט קיין פלייש ניט, ווײַל ער עסט עס ניט. עליזע איז אַ וועגעטאַריער. ער דערקלערט די אינדיאַנער, אַז ער שפּײַזט זיך נאָר מיט פרוכטן, ברויט און קאַרטאָפל.

— היט זיך, ברידער, פאַר אָט דעם ווײַסן מענטשן — ער איז אַ קישעף־מאַכער, ער עסט ניט קיין פלייש, — רופט זיך אָפּ אַן אַלטער אינדיאַנער און גייט מיט מורע אַוועק צו זיך אין שטיבל.

מיט יעדער טראָט ווײַטער ווערט די געגנט אַלץ שענער און שענער. די גראַנדיעזע בערג־קייט פון סיערע־נעוואַדע מיט אירע אײַזבערג זעט זיך אינגאַנצן אַרויס פון מיזרעך ביז מײַרעוו. אין אַ כאַאָטישער אומאָרדענונג ציִען זיך די בערג ביזן סאַמע יאַם. נידעריקער פון די אײַזבערג גייען אַנט־בלויזטע רויטלעכע באַרג־זײַטן און נאָך נידעריקער הייבט זיך אָן דער פּאַס פון טראָפּישע געוויקסן.

די טינקעלע פלעקן פון ניט־געריטע וועלדער ווערן ערטערווײַז פאַר־ביטן אויף העלערע פלעקן פון לאָנקעס. ווײַט אין דער נידער זעט זיך אַרויס דער קאַראַיִבער יאַם.

„אָט וווּ די פרייד פון לעבן איז, — טראַכט זיך עליזע, — די פרייד פון אומ־ענדלעכער פרײַער ראַכוועס".

אין אײַנעם אַ טאָל פון סיערע־נעוואַדע, מיט אַ פליסנדיק ליכטיק טײַכל, באַשליסט עליזע אײַנצואָרדענען אַ קאָמוניסטישע קאָלאָניע „נײַע האַרמאָניע", וווּ מענטשן וועלן לעבן ווי ברידער, אין פולער אייניקייט צווישן זיך...

צו נאַכט־צו קומען עליזע מיט ליוויזיטען אָן אין אַ קליין אינדיאַניש דערפל. עליזע פרעגט זיך נאָך אויפן קאַציקס שטוב. בײַ דעם קאַציק איז גאַנצע צוועלף שטיבער. אין איינער פון זיי טרעפט עליזע אַ נאַקעטן אינדיאַנער, וואָס וויגט זיך אין אַ האַמאַק, — דאָס איז געווען דער קאַציק מיטן נאָמען „מילכיקער ברויט". עליזע האָט פאַרווונדערט זיך דערמאָנט, אַז דער קאַציק איז אים באַקאַנט, אַז ער פלעג אים באַגעגענען אין ריאָ־אַטשאַ אויפן מאַרק, וווּהין דער אינדיאַנער פלעג ברענגען צו פירן צוקער־ראָר צו פאַרקויפן.

דעמ קאַציק איז ניט שווער געווענ צו דערקענענ, ווײַל איינ האַנט איז בײַ אימ געווענ אַ בלעכענע.

אַמאָל, נאָכ אינ דער יוגנט, האָט ער זיכ געבאָדנ אינ טײַכ, און אַ קראָקאָדיל האָט אימ אָפּגעריסנ די לינקע האַנט קימאַט ביזנ אַקסל. האָט „מילכיקער ברויט" דערנאָכ באַשטעלט זיכ אינ ריאָ־אַטשאַ אַ קינסטלעכע האַנט פונ בלעכ, און ער פלעג זי אָנטונ אפנ פאַרבליבענעמ שטיקל האַנט. נאָכ אָט דער בלעכענער האַנט נאָכ האָט עליזע אימ דערקענט.

עליזע האָט דערמאַנט דעמ קאַציק וועגנ זײַנ באַקאַנטשאַפט מיט אימ. נאָר דער קאַציק האָט זיכ געמאַכט, אַזויוי ער פאַרשטייט ניט וואָס עליזע רעדט. ער האָט אָנגעטאָנ אַ גרויסע שטרויענע הוט, קורצע הויזנ און אַ זשילעט מיט בלײַענע קנעפּלעכ, זיכ אַנידערגעזעצט אַפ דער שטיק האָלצ, וואָס איז געלעגנ אינמיטנ שטוב, און מיט אַ הערשערישנ זשעסט אָנגעוויזנ עליזענ מיט ליוזיטענ אַפ נאָכ אַזוינע שטיקער האָלצ בײַמ אַרײַנגאַנג פונ שטוב. עליזע מיט ליוזיטען האָבנ זיכ צוגעזעצט.

— וואָס ווילנ די ווײַסע מענטשנ? — האָט דער קאַציק פײַערלעכ אַ פרעג געטאָנ אַפ אַ געבראָכענעמ שפּאַנישנ לאָשנ.

— מיר ווילנ גאַסטפרײַנטלעכקײַט, — האָט זיכ אָפּגערופנ עליזע, — מיר זײַנענ רײַזנדער און מיר זוכנ אַ ווינקל אָפּצורוענ זיכ. מיר האָפנ אַפ דײַנ גאַסט־פרײַנטלעכקײַט, פירער.

דער קאַציק האָט עליזענ אײַנגעהערט מיט פאַרמאַכטע אויגנ. ער האָט אַביסל געשוויגנ, דערנאָכ איז ער מיטאַמאָל אויפגעשפרונגענ און ניט זאָגנ־דיק קיינ וואָרט, אַרויס פונ שטוב.

עליזע און לויזיטאָ זײַנענ געבליבנ אַליינ.

אינ עטלעכע מינוט אַרומ איז אינ שטוב אַרײַנגעגאַנגענ אַ יונגער אינדיאַ־נער און האָט געזאָגט, אַז דער קאַציק טרעט אָפּ זײַנ שטוב די געקומענע — זיי זײַנענ דעמ „מילכיקנ ברויטס" געסט.

עליזע און ליוזיטאָ האָבנ אויסגעלאָדנ די אײַזלענ. אינגיכנ האָט מענ זיי גערופנ עסנ אָוונטברויט.

לעמ שטוב איז געלעגנ אַ גרויסער שטיינ מיט אַ גלאַטער אויבערפלאַכ; דער שטיינ האָט געדינט פאַר אַ טיש.

א יונגע אינדיאַנערינ האָט מיט דער האַנט אָפּגעווישט דעמ שטיינ און האָט אוועקגעשטעלט אפ אימ אַ טאָפּ. זי האָט אַרײַנגעשטעקט איר ברוינע האַנט אינ טאָפּ, אַרויסגעשלעפּט עפּעס אַ שטיקל, עס אַ קײַ געטאָנ און צו־ריק אַוועקגעלייגט אינ טאָפּ. נאָכדעמ איז זי אַרויסגעגאַנגענ און אינ אַ מינוט אַרומ האָט זי זיכ אומגעקערט מיט באַנאַנעס, צוקער־ראָר און פרוכטנ.

א צווייטע אינדיאַנערינ האָט אַפנ שטיינ געריבנ געטריקנטע מאַיִס־קערנער, דערנאָכ האָט זי פאַרקנאָטנ קיכלעכ אַפ מילכ און האָט זיי אַרײַנגערוקט אינ הייסנ אַש.

ס'איז אָנגעקומען „מילכיקער ברויט" און האָט עליזען מיט ליוויזיטען פּערלעך אײַנגעלאַדן צום „טיש". דער קאַציק האָט עליזען מיט ליוויזיטען סעכאַבער געוועזן מיט קוקורוזע־קיכלעך. דאָס איז טאַקע געווען דער באַוווּסטער מילכיקער ברויט, צוליב וועלכן דער קאַציק האָט באַקומען זײַן צונאָמען.

בלויז בײַ אים אַליין האָט מען געבאַקן קוקורוזע־קיכלעך אויף מילך, די איבעריקע אַרויאַקן האָבן זיך אַזאַ ווילטיק ניט געקענט דערלויבן, זיי האָבן געקנאָטן זייערע קיכלעך אויף וואַסער. בעהיימעס האָט פֿאַרמאָגט נאָר דער קאַציק.

נאָכדעם ווי די מאַנצבילן האָבן געענדיקט עסן, האָט דער קאַציק אַ ווונק געגעבן צו די פֿרויען, וואָס זײַנען געשטאַנען פֿונדערווײַטנס, זיי זאָלן צונעמען די רעשטן, און די פֿרויען זײַנען אַוועק צו זיך אין די שטיבער און האָבן גענומען עסן וועטשערע.

בײַ די אַרויאַקן עסן די מאַנצבילן באַזונדער און די פֿרויען באַזונדער. ערשט דעמאָלט, ווען די מאַנצבילן עסן זיך אָן צו זאַט, עסן אויף די פֿרויען און די קינדער די רעשטן פֿון זייער וואַרמעס.

9. צו אַ נײַעם לעבן

— אָט דאָ וועט זײַן אונדזער קאָלאָניע, — האָט אַ זאָג געטאָן עליזע.

ער האָט גוט אויסגעפֿאָרשט דעם גאַנצן כאָל און האָט אָנגעמערקט אַ טעריטאָריע פֿאַר דער קינפֿטיקער קאָלאָניע. עליזע האָט וועגן זײַנע פּלענער דערציילט דעם קאַציק פֿינעם דערבײַיקן דאָרף און איז אַוועק צוריק אין ריאָ־אַטשאַ. דער וועג אויף צוריק איז געווען אַסאַך שווערער. די שיך בײַ עליזען האָבן זיך אָפּגעטראָגן און די סאַנדאַלן האָבן זיך צעריסן. ס'איז אויסגעקומען צו גיין קימאַט באָרוועסערהייט איבער שטיינער און שטעכיקע געוויקסן. עליזעס פֿיס זײַנען געווען צעקלאַפּט, צעדראַפּעט און באַדעקט מיט וווּנדן.

אַז ער האָט זיך מיט מאַטערניש דערקליבן צום דאָרף דיבולי, אויפֿן ברעג יאַם, האָט עליזע געמוזט זיך אָפּשטעלן אויף עטלעכע טעג, כּדי אויסצוהיילן די וווּנדן פֿון די פֿיס.

ווי נאָר עליזע איז געקומען אין ריאָ־אַטשאַ, האָט ער זיך גענומען גרייטן צו אַ נײַער רײַזע אין די בערג און צום אַריבערפֿירן די מאַטעריאַלן פֿאַר דער קומענדיקער קאָלאָניע.

דער יונגער ליוויזיטאָ, זײַן פֿאָטער, דער פֿראַנצויז שאַכטען, אַן אַלטער עמיגראַנט און נאָך צוויי יונגע מולאַטן האָבן אויסגעדריקט זייער פֿאַרלאַנג צו ווערן מיטגלידער פֿון דער נײַער קאָלאָניע.

מיט אַלעמענס העסקעם איז באַשלאָסן געוואָרן די נייטיקע פּראָדוציר־מאַכשירים און מאַטעריאַלן אַריבערפֿירן מיט אַ שיף איבערן יאַם ביזן דאָרף דיבולי, און פֿון דאָרטן דינגען בײַ די אינדיאַנער אייזלען אויף אַריבערצופֿירן עס אין די בערג.

איינער אן אינדיאנער, א גאַאכיר, וואָס האָט פאַרמאָגט א גרויסע שיפּ, האָט זיך אונטערגענומען אריבערצופירן די קאָלאָניסטן קיין דיבולי. עליזע האָט אָנגעלאָדן די שיפּ מיט געציַיג פאר ערדארבעט. ער האָט גענומען אָפּ־לעבע קאָפּע־ביימעלעך, קוקורוזע־קערנער, די נייטיקע קיילים און נאָך אייניקע זאכן.

מיט עליזען זיַינען מיטגעפאָרן ליוזיטאָ און די צוויי מולאטן. געטריבן פונעם מיזרעך־ווינט, האָט די שיפּ מיט די קאָלאָניסטן זיך געלאָזן אין דער נייטיקער ריכטונג אפּ מיַירעון, לענגאויס דעם ברעג.

עליזע איז פיל געזעסן מיט האָפּענונגען. אין טרוים האָט ער שוין געזען א בליענדיקע קאָלאָניע בא דעם צופּיסן פון די סיערע־נעוואדער בארגריזן. ער האָט געזען די בארגשיפּועס באדעקט מיט קאָפּע־פּלאנטאציעס און אפּעלסינען־סעדער. ער האָט געזען, ווי די קאָלאָניע, וואָס עס האָבן באזעצט אָרעמע פּראָלעטאריער פון דער „אלטער וועלט“, ווערט א קולטור־צענטער פאר די אינדיאנישע שוואָטים פון סיערע־נעוואדע. עליזע האָט אין טרוים זיַינעם געבויט שולן פאר די אינדיאנישע קינדער, האָט דורכגעפירט וועגן דורך די ניט־גערירטע וועלדער.

אינגיכן נאָכדעם, ווי עליזע און זיַינע כאוויירים זיַינען אָפּגעפאָרן, האָט זיך אָנגעהויבן אפּ יאם א שטורעמווינט. דער ווינט האָט געטריבן די שיפּ צו די פעלדזיקע ברעגן. מוטערדיקע כוואליעס האָבן זיך געקיַיקלט אריבער דער שיפּ. עליזע און די צוויי מולאטן פלעגן קאַום באַוויַיזן אויסצושעפּן די וואַסער פון דער שיפּ, און די כוואליעס פלעגן זי ווידער פארגיסן.

סאָפּקאָלסאָפּ איז דער שטורעמווינט שטיל געוואָרן, און אונדזערע פּיאָנערן זיַינען אפּ מאָרגן געקומען קיין דיבולי. עליזע און זיַינע כאוויירים האָבן זיך קאַום געהאלטן אפּ די פיס.

עליזע האָט אינגיכן דערפילט א גרויסע היץ, אן אָפּגעשלאפקיַיט און א קאָפּ־ווייטעק. ער איז קראנק געוואָרן מיט טראָפּישן פיבער.

ליוזיטאָ און די צוויי מולאטן זיַינען אוועק אין די בערג געפינען אייזלען, עליזע האָט זיך געמוזט אוועקלייגן אין דיבולי. מע האָט אים אוועקגע־לייגט אין א שטיבל אפן ברעג און ער איז דאָרט גאנצע טעג געלעגן איינער אליין.

ליגנדיק א פארכאלעשטער, פלעגט עליזע אמאָל, ווי אין כאָלעם, הערן ווי די אינדיאנערנס, וואָס ברענגען אים וואסער און שפּיַיז, ריידן וועגן דעם צי וועט ער, דער וויַיסער מענטש, בליַיבן לעבן, צי ער וועט זיַינע ביינער אוועקלייגן אָט דאָ אפּ וויַיער ערד. זיי האָבן געקלערט, אז עליזע וועט אין עטלעכע טעג ארום שטארבן.

אין שטיבל פלעגן פארפויזען יאשטשערן און שלענג. איינמאָל באנאכט האָט עליזע געהערט, ווי הינטער דער וואנט פון שטיבל, אין שטאל, איז א יאגואר אָנגעפאלן אפּ אן אייזל.

אינ צוויי וואָכנ ארום איז געקומענ צו פאָרנ קיינ דיבולי שאסטענ אונ האָט מיט זיכ געבראַכט צו פידנ כינע אונ אנדערע רעפועס. עליזע האָט זיכ אָנגעהויבנ צו פאַריכטנ. ווי נאָר ער איז געווענ בעקויעכ אופצושטיינ, איז ער צוזאמענ מיט שאסטענען אוועקגעפאָרנ אפנ אָרט פונ דער קומענדיקער קאָלאָניע.

אינ וועג איז עליזע ווידער שלאפ געוואָרנ. צו אלע זאכנ איז נאָכ אינ וועג בעפאַלנ דער אייזל. שאסטענ האָט אוועקגעלייגט עליזענ אפנ גראָז באם וועג, האָט געמאַכט איבער אים א דעכעלע פונ צווייגנ, קעדיי צו פאַרהיטנ אים פונ דער ברענענדיקער זונ, אונ אליינ איז ער אוועקגעפאָרנ אינעם נאָענסטנ דאָרף דינגענ אנ אייזל.

דער קראַנקער עליזע איז געבליבנ איינער אליינ אינ א וויסטער געגנט.

צו נאַכט־צו איז געוואָרנ א שטאַרקער געוויטער, אזא, וואָס טרעפט נאָר אונטער די טראָפיקעס. דער ווינט האָט אראָפגעריסנ דאָס דעכל, וואָס איז געווענ איבער עליזענ, אונ גאנצע טייכנ וואסער האָבנ זיכ א גאָס געטאָנ אפ אים. עליזע איז נאס געוואָרנ אפ דורכ אונ דורכ. ס׳איז געוואָרנ נאַכט אונ דער פיבער בא עליזענ האָט זיכ געשטאַרקט. ס׳האָט אים שטאַרק געשווינדלט. פאַרטאָג האָבנ די רעווענדיקע מאַלפעס פאַרצויגנ א גרויליקנ קאָנצערט.

באַטאָג האָט זיכ די באַנאַכטיקע קילקייט געביטנ אפ א ברענענדיקער היץ. עליזע איז אזוי אָפגעשוואַכט געוואָרנ, אז ער האָט זיכ פונ אָרט ניט געקענט רירנ.

ארום האַלבנ טאָג האָט זיכ אפנ וועג באוויזנ אנ אָקס אנ אָנגעלאָדענער מיט מאַסע, נאָכ אים איז געגאַנגענ אנ אינדיאַנער מיט א פרוי אונ א קינד. עליזע איז געלעגנ א פאַרכאַלעשטער... דער אינדיאַנער האָט זיכ פאַרוואונדערט, דערזעענדיק א ווייסנ מענטשנ ליגנ אפ דער ברענענדיקער זונ. ער האָט זיכ אָפגעשטעלט, אפילע צוגעזעצט זיכ אפ א דערבייליגנדיקנ שטיינ אונ האָט שווייגנדיק געקוקט אפנ ווייסנ מענטשנ.

— די באַרגיקע גייסטער האָבנ גענומענ געקאָמע פונ דיר, ווייסער מענטש. דו באַרויבסט די אָרעמע אינדיאַנער, דו האָסט זיי פאַרטריבנ פונעם בערג־פאַס אינ די בערג. א מיצווע אפ דיר, שטאַרב, אינדזער גאָט. וואָס האָט דיכ באַשטראָפט, וויל ניט, אז איכ זאָל דיר העלפנ.

נאָר עליזע האָט דידאָזיקע ווערטער ניט געהערט.

ערשט צו נאַכט־צו איז געקומענ צו פאָרנ שאסטענ מיטנ אייזל. ער ד… מיט מאַטערניש אוועקגעזעצט עליזענ אפנ אייזל אונ אים געבראַכט … ־רנ אינ־דעם דאָרף, ווו עס האָט געוווינט דער קאַציק „מילכיקער ברויט". אינ עטלעכע טעג ארום איז עליזענ בעסער געוואָרנ. נאָכ ניט פאַריכט זיכ אינ־גאנצנ פונ דער קרענק, איז עליזע צוגעטראָטנ צו דער ארבעט. די קאָלאָניסטנ האָבנ פריער פונ אלצ אָפגערייניקט אנ אָרט פאַר א הויז, דערנאָכ האָבנ זיי צעגראָבנ די ערד, פאַרזייט קוקורוזע, פאַרפלאַנצט עטלעכע באַנאַנענ־ביימער אונ א צענדליק קוסטנ קאַפע־ביימלעכ.

ס'איז אוועק א כוידעש. די ארבעט אָפ די פלאנטאציעס איז זיך געגאנג, נאָר פאמעלעכ. עליזענ האָט אַלצ געמאטערט דער פיבער. די מולאטנ זײַנענ געווענ פויל. דער אלטער שאסטענ האָט געשאָלטנ דעם טאָג אונ די שאָ, ווענ אים איז ארופגעקומענ דער געדאנק צו פאָרנ מיט עליזענ אינ די בערג. ס'איז אים ניט צום הארצנ דאָ ניט די לופט, ניט די אינדיאנער אונ ניט די בארג־נאטור.

— עליזע, — זאָגט שאסטענ, — איכ פיל, אז אזא לעבנ איז ניט נאָכ מײַנע קויכעס. איכ בינ שוינ צו אלט אָפ אָנצוהייבנ א נײַ לעבנ. איכ האָב מוירע, אז ס'וועט מיכ אויכ אָנהייבנ מאָרדעווענ דער פיבער. איכ קאָנ דאָ ניט ווױ־נענ. ס'כאפּט מיכ אָנ אנ אומעט.

— גיי, — זאָגט עליזע, — איכ וויל קיינעמ ניט געוואלד ניט פארהאלטנ.

גלײַכ נאָכ שאסטענענ גייענ אוועק ליזעטאַ אונ ביידע מולאטנ. פאר זיי זײַנענ פרעמד אונ אומפארשטענדלעכ עליזעס טרוימענ וועגנ עפּעס א קאָמו־ניסטישער קאָלאָניע. עליזע בלײַבט אליינ אָפ דער פלאנטאציע. ער טראָגט מור־טיק איבער זײַנ עלנטקייט. ער טראכט, אז ער וועט אײַנשרײַבנ דעם ברודער, די פרײַנט אונ זיי וועלנ צו אים קומענ צו הילפ.

ס'קומענ אמאָל צו גיינ אָפ דער פלאנטאציע אינדיאנער. זיי קוקנ אָפ אָט דעם ווײַסנ מענטשנ, וואָס האָרעוועט גאנצע טעג איינער אינמיטנ וואלד אונ עסט קיינ פלייש ניט.

דער טראָפּישער פיבער לאָזט עליזענ ניט אָפּ. זײַנע קויכעס ווערנ מיט יעדנ טאָג אַלצ שוואכער.

„וואָס קענ איכ אויפטונ אליינ? — טראכט פארומערט עליזע, — מע דארפ אוועקגיינ". אָט דער געדאנק קומט אים אַלצ אָפטער אינ קאָפ ארײַנ. ס'קומט צו גיינ אָפ דער פלאנטאציע „מילכיקער ברויט". ער קוקט מיט מיטלייד אָפ זײַנ ווײַסנ פרײַנט, וואָס יעט אויס געטרײַ די מיטטיקע גראָזנ ארום די קאָפע־ביימלעכ.

עליזע גייט צו צום אינדיאנער אונ זאָגט:

— „מילכיקער ברויט", פרײַנט, איכ גיי אוועק. איכ לאָז איבער דיר אונ דײַנע לאנדסלײַט מײַנ פארמעגנ. ס'קענ זײַנ, אז איכ וועל אײנעם מיט פרײַנט זיכ אומקערנ אהער צוריק אונ וועל זיכ דעמאָלט באזעצנ צווישנ אײַכ...

— קום צוריק, מיר וועלנ ווארטנ, — ענטפערט דער אינדיאנער אונ זײַנ בלעכענע האנט טוט זיכ א קלאפּ אָנ שטעקנ אונ לאָזט ארויס א מעטאלענעם קלאנג.

II. גרויסע ניסיוינעס

1. אפנ שוועל פונ רומ

— איכ קענ זיכ זענ מיטנ הער רעקליו?

— וואָס דארפט איר?

— זייער צופרידנ זיכ צו באקאנענ מיט איַיכ. איכ בינ דער געזאנדטער פונ די פאראייניקטע שטאטנ פונ צאָפנ־אמעריקע אונ בינ געקומענ צו איַיכ לויטנ אויפטראג פונ מיַינ רעגירונג...

— ביטע, זיצט.

— אדאנק. איכ בינ געקומענ איַיכ אויסדריקנ די דאנקבארקיַיט פונ דער רעגירונג פונ די פאראייניקטע שטאטנ פאר איַיערע אויסגעצייכנטע ארטיקלענ קעגנ דער נעגער־קנעכטשאפט.

— כ׳בינ זייער גערירט פונ איַיער אויפמערקזאמקיַיט, נאָר, כלעבנ, איכ זע דערינ ניט קיינ באזונדער פארדינסט...

— איַיערע אויסגעצייכנטע ארטיקלענ האָבנ געשפילט א גרויסע ראָליע אינעם באפריַיענ די נעגערס, אונ די רעגירונג האָט באשטימט איַיכ פאָרצולייגנ א מאטעריעלע באלוינונג.

— איכ דאנק איַיכ. נאָר פאר די ארטיקלענ האָב איכ שוינ באקומענ האָנאָראר פונ דער רעדאקציע... דאָס שמועסנ וויַיטער אפ אָט דער טעמע האלט איכ פאר א באליידיקונג.

— אנטשולדיקט. אויב אזוי וואג איכ מער ניט צו באשטיינ דערופ. כ׳האָב די ערע צו געזעגענ זיכ. דערלויבט נאָכאמאָל אויסצודריקנ איַיכ א דאנק.

— אדיע.

אָט אזא געשפרעכ איז פאָרגעקומענ הארבסט 1865 יאָר אינ עליזע רעקליוס קליינער דירע אפ דער פעליאנטינישער גאס אינעם לאטיינישנ קווארטאל פונ פאריזש.

עליזע האָט שוינ זעקס יאָר געוווינט אינ פאריזש. ער האָט די גאנצע ציַיט געארבעט אינעם גרויסנ פארלאג „אשעט“. ער האָט פאר אָט די יאָרנ אסאכ געריַיזט איבער אייראָפע. ער איז געווענ אינ דיַיטשלאנד, עסטריַיכ, שווייצ, איטאליע, שפאניע, ענגלאנד אונ אינ די לענדער פונעם באלקאנישנ האלב־אינדזל. דער פארלאג „אשעט“ האָט בא אימ באשטעלט, ער זאָל צונויפשטעלנ וועגוויַיזערס איבער אלע אייראָפּעיִשע לענדער.

עליזע רעקלו איז דער אויטער פֿון עטלעכע געאָגראַפֿישע ביכער. זײַן בוך „די רײַזע איבער סיערע־נעוואַדע" און די געאָגראַפֿישע אַרטיקלען אין פֿאַרשיידענע זשורנאַלן ציִען־צו זיך די אויפֿמערקזאַמקייט מיט זייער קלאָרן סטיל און מיט זייער בילדערישער שפּראַך. פֿאַר עליזען עפֿנט זיך אַ וועג צו באַוווּסטקייט, צו רום.

נאָכן געזעגנטנס אַוועקגיין שפּאַנט עליזע לאַנג אַרום אין זײַן קליינעם קאַבינעט פֿון איין ווינקל צום צווייטן. אין דער טיר באַווײַזט זיך אַ יונגע פֿרוי, אַ יאָר פֿינף און צוואַנציק, פֿון נעגערישן טיפּ. זי הוסט שטאַרק און האַלט זיך באַם האַרצן.

— קלאַריסע, דו פֿילסט זיך שלעכט? — פֿרעגט עליזע.

— יאָ, בײַ מיר איז ווידער אַביסל היץ, און אין דער לײַכעץ האָט זיך באַוו. בלוט.

— מע דאַרף גיין נאָך אַ דאָקטער, — זאָגט עליזע.

קלאַריסע איז עליזעס פֿרוי, אַ מולאַטקע, אַ טאָכטער פֿון אַ סענעגאַלער נעגערין. איר פֿאָטער, אַ הענדלער פֿון באָרדאָ, האָט זי נאָך איר מוטערס טויט געבראַכט צו פֿירן אין דאָרעט־פֿראַנקרײַך, און דאָרט האָט זיך עליזע מיט איר באַקאַנט. זיי לעבן צוזאַמען שוין פֿיר יאָר.

די פּאַריזשער לופֿט איז אָבער צו קאַלט פֿאַר קלאַריסען. בײַ איר זײַנען געווען צוויי לונגען־אָנצינדונגען, און איצט הוסט זי ווידער שטאַרק.

— איך וועל גיין נאָך אַ דאָקטער.

— וואַרט צו, עפּשער וועט עס אַזוי דורכגיין.

— ניין, ניין. מע טאָר ניט וואַרטן. איך וועל נאָר פֿאַרגיין צו עלי און וועל בײַ אים אַנטלײַען געלט.

— כ׳מיין, אַז מע דאַרף ניט, ליבער עליזע!

— ניין, ניין. אַ קראַנק דאַרף מען פֿאַרכאַפּן באַצײַטנס.

עליזע טוט אָן אַ גרויסן אַלטן הוט, אַ שוואַרצע פּעלערינע, ווי עס טראָגן שפּאַניער, קושט די פֿרוי און גייט אַרויס אינדרויסן.

2. דער אינטערנאַציאָנאַל

נאָך דער רעוואָלוציע פֿון 1848 יאָר האָט זיך די זיגערישע בורזשואַזיע געסטאַרעט צו דערשטיקן יעטווידער פּראָטעסט בײַ די אַרבעטער. נאָר שוין אין אָנהייב פֿון די זעכציקער יאָרן הייבט זיך אויף אין פֿראַנקרײַך און אין ענגלאַנד אַ כוואַליע פֿון שטרײַק־באַוועגונגען, און דער פּראָלעטאַריאַט הייבט זיך אָן צו פֿאַראייניקן אין זײַנע קלאַסן־אָרגאַניזאַציעס.

דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך אין יענער צײַט שנעל אַנטוויקלט אין אייראָפּע, דערהויפּט אין ענגלאַנד און אין פֿראַנקרײַך. דער קאַפּיטאַל ווייס ניט פֿון קיין פֿאָטערלאַנד. זוכנדיק ביליקע מי, קוקן ניט די קאַפּיטאַליסטן צו וואָס פֿאַר אַ

נאַציִע עס בעהערנ זײערע ארבעטער. דער קאַפּיטאַל דאַרפ ביליקע ארבעט־הענט, אונ ער עקספּלואַטירט אַלעמענ גלײַכ.

אינ די זעכציקער יאָרנ פלעגנ ענגלישע פאַבריקאַנטנ בײַם א שטרײַק אָפּט ברענגענ ארבעטער פונ פראַנקרײַכ אונ פאַרבײַטנ מיט זײ די שטרײַקער, אונ די פראַנצויזישע קאַפּיטאַליסטנ ווידער פלעגנ דראָענ זײערע ארבעטער, וואָס האָבנ געפאָדערט א גרעסערנ לוינ, אז זײ וועלנ אויסטרײַבנ ארבעטסלאָזע פונ ענגלאַנד.

אָט דאָס אַלצ האָט בא די פּראָגרעסיווע ענגלישע אונ פראַנצויזישע ארבעטער געהאָלפנ צו אנטוויקלענ דעמ באַוווּסטזײַנ, אז ס'איז נײטיק א צווישנפעלקערלעכער פאַרײנ פונ ארבעטער פאַרנ דערפאָלגרײַכנ קאַמפּ מיט די קאַפּיטאַליסטנ.

אָט דאָס האָט געבראַכט דערצו, אז אינ 1864 יאָר זאָל געגרינדעט ווערנ דער אינטערנאַציאָנאַל — די צווישנפעלקערלעכע ארבעטער־געזעלשאַפט.

אינ לאָנדאָנ איז געווענ דער הויפּט־ראַט פונעמ אינטערנאַציאָנאַל, אונ אינ פּאַריז האָט זיכ געשאַפנ א אינטערנאַציאָנאַלע פּאַריזער סעקציע. עליזע אונ עלי זײַנענ גלײַכ געוואָרנ מיטגלידער פונ דער פּאַריזער סעקציע.

— דאָס גרינדנ דעמ אינטערנאַציאָנאַל, האָט עליזע דערקלערט אפּ אַנ ארבעטער־פאַרזאַמלונג, איז די גרעסטע געשעעניש פונ דער נײַער צײַט, וואָס איז, לויט איר באַדײַטונג, ניט קײנ קלענערע, ווי קאָלומבס אנטדעקנ אמעריקע. מיטנ גרינדנ דעמ אינטערנאַציאָנאַל איז אפּ דער וועלט געבוירנ געוואָרנ די גרויסע אידײע וועגנ צווישנפעלקערלעכער סאָלידאַריטעט פונ ארבעטנדיקע. פונ הײַנט אָנ טרעט דער פּראָלעטאַריאַט ארויס אפּ דער וועלט־אַרענע, ווי דער אײנציקער קלאַס — דער פאָרשטײער פונ מי, וואָס וועט מאַכנ א סאָפּ צו דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע. וואָס פאַרא פאַרײניקונגענ די קאַפּיטאַליסטנ זאָלנ איצט ניט שאַפנ, וועט זיכ זײ ניט אײַנגעבנ צו שטערנ דער פאַרײניקונג פונ די ארבעטער אינ די אײראָפּײַשע לענדער. דער פאַרײניקטער פּראָלעטאַריאַט וועט כאָרעוו מאַכנ די בורזשואַזע אָרדענונג אינ וועט אויסבויענ א נײַע וועלט — די וועלט פונ ארבעט אונ פרײַהײַט.

עליזע באַזוכט רעגולער די זיצונגענ פונ דער אינטערנאַציאָנאַלער סעקציע. די סעקציע געפינט זיכ אפּ דער גאַס גראַוויליע. אינ א קלײנעמ צימער קלײַבנ זיכ דאָ אָוונט־צײַט צונויפ די ארבעטער אונ פירנ הײסע שמועסנ וועגנ סאָציאַליזם, וועגנ רעוואָליוציע, וועגנ שטרײַקנ.

דער סאַמע ענערגישער טוער פונ דער פּאַריזער סעקציע אינ יענע צײַטנ איז עליזעס א כאַווער אונ אײַנבינדער — עזשענ וואַרלענ[1]. ער איז אַלט א יאָר פינפ אונ צוואַנציק, נאָר ער זעט אויס עלטער צוליב זײַנ געדיכטער בריטער באָרד. זײַנ פּאָנעמ מיטנ הויכנ קלוגנ שטערנ, מיט די שוואַרצע

[1] עזשענ וואַרלענ — געבוירנ 1839 י. פאַרפאַלנ אוינ צעשאָסנ פונ די הענקער פונ דער פּאַריזער קאָמונע 28־טנ מײַ 1871 יאָר.

ברענענדיקע אויגן זאָגן איידעס וועגן שטאַרקן ווילן, ריינעם געוויסן און טיפער אָרנטלעכקייט. ער איז איבערגעגעבן דער זאַך פון זיין קלאַס.

וואַרלען איז געפאָרן אַלס אַ דעלעגאַט אַפ דער ערשטער קאָנפערענץ פונעם אינטערנאַציאָנאַל אין לאָנדאָן. ער האָט זיך נאָרוואָס אומגעקערט קיין פּאַריז. וואַרלען איז אַנטציקט פון דער רייזע. אין לאָנדאָן האָט ער זיך באַקאַנט מיט קאַרל מאַרקסן און האָט מיט אים אַ סאַך אָוונטן פאַרבראַכט. מאַרקס איז געווען אָנפירער פונעם הויפּטראַט.

מע האָט באַשלאָסן דעם קומענדיקן יאָר צונויפרופן אין זשענעווע דעם קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַל. דאָרטן וועלן די אַרבעטער פון אַלע לענדער דאָס ערשטע מאָל דערלאַנגען די הענט איינע די צווייטע.

וואַרלען דערציילט נאָך לאַנג וועגן דער קאָנפערענץ פונעם אינטערנאַציאָנאַל. עליזע הערט אים אויס מיט גרויס אינטערעס. עס שטעלט זיך אים פאָר דאָס בילד פון דער צוקונפט, ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט באַוויזן די אַלטע וועלט. „אופבויען די נייע וועלט אָבער וועט דער פּראָלעטאַריאַט קענען נאָר מיט דער הילף פון דער וויסנשאַפט", טראַכט עליזע. נאָר אַ באַוואָפנטער מיט וויסן וועט דער פּראָלעטאַריאַט קענען [illegible] צייטן.

און עליזע גיט זיך דאָס וואָרט, אַז פון היינט אָן וועט זיין אויפגאַבע זיין: אײַנוואָרצלען אַלץ טיפער אין טיפער די וויסנשאַפט צווישן די אַרבעטער־מאַסן.

3. פּלענער פון גרויסער אַרבעט

עליזע האָט זיך געאײַלט פאַרענדיקן דעם בוך „די געשיכטע פונעם טײַך". דער פאַרלעגער אײַלט אים אויך. דער בוך דאַרף צום נײַעם יאָר אַרויסגיין פון דרוק. „די געשיכטע פונעם טײַך" איז איבערגעגעבן פאַר דער יוגנט, נאָר עליזע וויל, אַז עס זאָל אויך זײַן צוטריטלעך פאַר אַרבעטער. „מע דאַרף אויסלערנען די אַרבעטער לייענען דעם גרויסן בוך פון דער נאַטור", טראַכט עליזע.

זײַן בוך הייבט אָן רעקליו מיט דער באַשרײַבונג פון יענעם ריטשקעלע, צו וועלכן ער האָט זיך צוגעקוקט נאָך אין זײַן קינדהייט. אין זײַן בוך דערציילט עליזע וועגן דער געאָלאָגישער אַרבעט פון די טײַכן, וועגן זייער צעשטערערישער און בויערישער ראָליע אינעם לעבן פון דער ערד.

ער מאָלט דאָס אַלץ מיט רײַכע פאַרבן, ווי אַ מאָלער, וואָס לייגט אָן די פאַרבן אַפן לײַוונט. אים ווילט זיך איבערגעבן די יונגע לייענער די מוזיק פון די באַרגיקע שטראָמען און דאָס שטילע זשומען פון די וואַלד־ריטשקעלעך.

אין זײַן בוך באַשרײַבט רעקליו דעם גאַנצן לאַנגן וועג, וואָס עס מאַכט דורך אַ טראָפּן וואַסער. אָט בליאַנטשעט ער מיט שניי־ווײַסן שוים אַפן רוקן פון דער ים־כוואַליע. דער זונשטראַל רירט אים אָן מיט זײַן הייסן אָטעם,

מאַכט אים פאַר גרינגן אומגעזעענעם דאַמף. דער דאַמף הייבט זיך אויף הויך איבער דער ערד, און דער ווינט טראָגט אים אַוועק ווייט פון דעם היימישן ים.

אינעם לופט־אָקעאַן קילט זיך דער וואַסערדאַמף אָפּ און ווערט פאַרוואַנדלט אין טראָפּנדלעך פּיצטלנע נעפּל, וועלכע בילדעט אויס די וואָלקנס. ווען די טראָפּנדלעך ווערן שווער, פאַלן זיי צוריק אויף דער ערד אין דער פאָרם פון רעגן אָדער פון שניי.

די רעגן־טראָפּנס און דער צעגאַנגענער שניי באַוואַסערן די ערד, זעטיקן אָן די געוויקסן, שטילן דעם דאָרשט פון חיות און פון מענטשן. נאָר דער גרעסטער טייל רעגן־וואַסער גייט אַוועק אין דער ערד און זאַמלט זיך אין אונטערערדישע אָדערן.

אין דער פאָרם פון קוואַלן און קוועלעכלעך גייט די וואַסער אַרויס פון דער ערד אויף אייבן און לויפט איבער די משופּעדיקע געלענדערס ריטשקעס־ווייז און טייכנווייז. די טייכן טראָגן זייערע וואַסערן אין די ימען און אָקעאַנען, פון וואַנען די זון־שטראַלן הייבן ווידער אויף טראָפּנדלעך וואַסער אין דער אַטמאָספער.

אייביקע יאָרן אַזוי אָן אויפהער קומט פאָר דער אײַנקרייז פון וואַסער אויף דער ערד.

„איז דען ניט דאָס גאַנצע לעבן אויף דער ערד ענלעך צו אָט דעם אומענדלעכן קרייז?" טראַכט זיך עליזע.

ער ווערט פאַרטאָפּט פונעם געדאַנק. עליזע נעמט זיך פאָרשטעלן דאָס לעבן פון דער מענטשהייט, ווי אַ גרויסן שטראָם, אין באַזונדערע מענטשן־דורות — ווי באַזונדערע טייכן־שטראָמען־שטראָמעלעך.

אַ טראָפּן וואַסער אַליין פאַר זיך האָט קיין ווערדע ניט, נאָר ווען ער פאַרייניקט זיך מיט נאָך טראָפּנס, ווערט ער אַ גרויסער קויעך.

צי זעען מיר דען ניט דאָס אייגענע אויך בײַ מענטשן? איין מענטש איז אַ שוואַכע באַשעפעניש, נאָר אין קאָלעקטיוו ווערט ער אַ גרויסער קויעך וואָס קען ענדערן דעם גאַנצן אַרום.

אין קאָרידאָר דערהערט זיך אַ קלונג. אין צימער גייט אַרײַן עזשען וואַרלען.

— עליזע, מיר דאַרפֿן האָבן אַ געדרוקטן אַרבעטער־אָרגאַן, וואָס זאָל העלפֿן פאַרייניקן די גאַנצע באַוועגונג און זי שטויסן אין איין ריכטונג. מיר לעבן איצט איבער גרויסע געשעענישן. צווישן די אַרבעטער וואַקסט די אומצופרידנקייט מיטן נאַפּאָלעאָנישן רעזשים. דער אינטערנאַציאָנאַל געווינט מיט יעדן טאָג אַלץ מער די סימפּאַטיעס פון די אַרבעטער. איצט זײַנען שוין אין אַלע גרויסע שטעט פון פראַנקרײַך פאַראַן סעקציעס פון אינטערנאַציאָנאַל. מיר האָבן באַשטימט אַרבעטער פון אַלע פאַכן פאַרייניקן זיך אין פאַריינען. מיר האָבן באַשטימט אַרויסצוגעבן אַ צײַטונג און בעטן דיך דו זאָלסט מיטאַרבעטן אין איר. דו וועסט זיך דאָך ניט אָפּזאָגן?

— פארשטייט זיכ, אז ניינ. וויאזוי וועט זי הייסנ די צייטונג?

— מיר טראכטנ זי אָנרופנ „מארסעליעזע".

— אויסגעצייכנט. איכ וועל אייַכ זענ געבנ עטלעכע ארטיקלענ.

— איכ האָב אָבער פאַרויס געוווּסט, אז דו וועסט זיכ ניט אָפּזאָגנ. קומ צו גיינ פרייַטיק אפ דער זיצונג פונ רעדאקציע־קאָמיטעט.

— גוט.

נאָכ ווארלענס אוועקגיינ זעצט זיכ עליזע ווידער צו דער ארבעט. ער האָט אָפּגעזוכט אַ אלטנ נאָטיצ־ביכל, וואָס אינ אים האָט ער נאָכ מיט 15 יאָר צוריק אינ אירלאנד אָנגעוואָרפנ א קורצנ קאָנספעקט.

עליזע האָט אופמערקזאמ איבערגעלייענט די פונ דער צייַט פארגעלטע זייַטנ און האָט שנעל אָנגעהויבנ אָנוואַרפנ דעמ פּלאַנ פונ א גרויס ווערק וועגנ דער ערד.

„יאָ, די נייַע דורות דארפנ האָבנ נייַע ביכער, — טראכט עליזע, — אלע ביכער פונ געאָגראפיע, וואָס זייַנענ פאראנ, זייַנענ שוינ פארעלטערט געוואָרנ. זיי זייַנענ ניט מער, ווי אימעטיקע טרוקענע געאָגראפישע נעמענ פונ יאמענ, טייַכנ, בערג, לענדער און געגנטנ. איכ וועל זיכ פרווונ מאכנ פונ געאָגראפיע א לעבעדיקע וויסנשאפט. ווי אלצ אינעמ וועלטאל, הערט די וועלט ניט אופ עוואָליוציאָנירנ, צו אנטוויקלענ זיכ, אונטערוואַרפנדיק זיכ באשטימטע געזעצנ.

באגרייַפנ די געזעצנ, וואָס פירנ אָנ מיטנ לעבנ פונעמ ערד־קוילעכ — אָט דאָס איז די אופגאבע פונעמ געאָגראפ. באגרייַפנ אָט די געזעצנ קענענ מיר נאָר, אויסלערנענדיק די געאָגראפישע דערשייַנונגענ, וואָס קומענ פאָר אפ דער ערד, באמערקנדיק זיי סייַ אינעמ פליסנ פונ די טייַכנ, סייַ אינעמ געוויטער און סייַ אינ דעמ, ווי עס זייַנענ פאנאנדערגעטיילט די בערג אפנ ערד־אויבערפלאַכ.

מע דארפ פארשטיינ ניט נאָר די אנאטאָמיע פונעמ ערד־אָרגאניזמ, נאָר דערהויפט זייַנ פיזיאָלאָגיע און אויסלערנענ די פיזיאָלאָגיע — פונעמ ערד־אָרגאניזמ קענ מענ נאָר דורכנ אויסלערנענ זייַנע אָרגאנענ אינ זייער טעטיקייַט און קעגנזייַטיקער ווירקונג".

איבער פאריז איז שוינ לאנג געוואָרנ נאכט, אינ רעקלוס איז נאָכ אלצ געזעסנ באמ טיש און געשריבנ.

סאָפ 1868 יאָר איז ארויס פונ דרוק דער ערשטער באנד פונ עליזע רעקלוס גרויסנ ווערק „ערד" — א באשרייַבונג וועגנ דעמ לעבנ פונעמ ערד־קוילעכ. אָט דאָס ווערק האָט אויסגעשטעלט רעקלוסנ אינ דער ערשטער ריי אייראָפּעיִשע געלערנטע־געאָגראפנ. דער בוכ איז גלייַכ איבערגעזעצט געוואָרנ אפ אסאכ אויסלענדישע שפראכנ.

דער פאָרזיצער פונ דער פאריזער געאָגראפישער געזעלשאפט האָט באַגריסט רעקלוסנ מיטנ דערשייַנענ פונ בוכ און האָט געזאָגט:

— ס'איז אייַכ געלונגענ וווּנדערלעכ קינסטלעריש און גלייַכצייַטיק וויסנשאפטלעכ צו דערציילנ וועגנ דעמ לעבנ פונ ערד־קוילעכ.

— איכ האָב זיכ געסטאַרעט איבערצוגעבנ דאָס, וואָס איכ האָב אַלײנ געפילט, דערלעבנדיק די דערשײַנונגענ, וואָס קומענ פאָר אפ דער ערד, — האָט געענטפערט רעקליו. — נאָכ דער לאַנגער אַרבעט אינ ביבליאָטעק־שטוב פלעג איכ שטענדיק גײנ אינ די װעלדער, פעלדער אונ בערג, צו דער לעבע־דיקער נאַטור — צו אָט דעמ גרויסנ קוואַל פונ לעבנ, אונ, דערלעבנדיק דירעקט די דערשײַנונגענ, פלעג איכ אָפּפרישנ מײַנ מויעכ.

— איר זעצט פאָר, הער רעקליו, אַרבעטנ אינ אָט דער ריכטונג, אונ איר וועט זײַנ דער שטאָלצ פונ פראַנקרײַכ.

אינ „ערד“ האָט רעקליו באַוויזנ די אײנהײט פונעמ גאַנצנ ערד־קײַלעכ. ער איז געווענ דער ערשטער געאָגראַפ, וואָס האָט אײַנגעווענדט אינ געאָגראַ־פיע דעמ גרויסנ געזעצ פונ עוואָליוציע.

רעקליו דערווײַזט, אַז אַפילו די דערשײַנונגענ אפ דעמ ערד־אויבערפלאַכ, וואָס זעענ אויס, ווי סאַמע אומבאַדײַטנדיקע, זײַנענ אונטערגעוואָרפנ דעמ געזעצ פונ עוואָליוציע אונ זײַנענ פאַרבונדנ מיטנ אַלגעמײנעמ לעבנ ניט נאָר פונ דער ערד, נאָר אויכ פונעמ גאַנצנ וועלטאַל.

אינ זײַנ ווערק באַשרײַבט רעקליו דעמ גאַנצנ ערד־אויבערפלאַכ — די פּלײ־נענ, בערג, סטעפּעס, מידבאַריעס, וועלדער, טײַכנ, אָזערעס, יאַמענ, וואולקאַ־נענ אונ אײַזבערג. ער דערצײלט וועגנ ווינטנ, געוויטערס, וועגנ ערדציטערנישנ אונ וועגנ אַלע איבעריקע דערשײַנונגענ, וואָס קומענ פאָר אפ דער ערד.

אונ אומעטומ זעט רעקליו די אומפאַרהערלעכע אַרבעט פונ די נאַטור־קויכעס, וואָס האַלטנ אינ אײנ וועבנ אײביק אפנ צײַט־ווערקשטול דאָס לע־בעדיקע געוועב פונעמ וועלטאַל.

נאָכדעמ ווי ס׳איז דערשינענ דאָס בוכ „ערד“, האָט רעקליו באַקומענ אַ מעגלעכקײַט צו ווערנ אַ פּראָפעסאָר פונ געאָגראַפיע אינ אײנעמ פונ די פראַנ־צויזישע אוניווערסיטעטנ.

אינ דעמ פאַל אָבער וואָלט אימ אויסגעקומענ אַוועקצוואַרפנ די רעוואָ־ליוציאָנערע אידײענ. מע קענ זיכ ניט געפינענ אינ אײנע רײענ מיט דער בורזשואַזער וועלט אונ אינ דערזעלבער צײַט זײַנ אַ מיטגליד פונעמ אינטער־נאַציאָנאַל. אײנס פונ די בײדע. קײנ נײטראַליטעט קאָנ דאָ ניט זײַנ. אינ דער קלאַסנ־געזעלשאַפט באַדינט די וויסנשאַפט דעמ הערשנדיקנ קלאַס, איז אויב דו ווערסט אַ פאָרשטײער פונ דער אָפיציעלער וויסנשאַפט, ווערסטו אומבאַ־דינגט אַ קעמפער אפ יענער זײַט באַריקאַדע, אפ דער זײַט פונ דער בור־זשואַזיע.

— נײנ, — זאָגט רעקליו, — איכ וויל ניט האָבנ גאָרניט קײנ אַלגעמײנס מיט דער בורזשואַזער וועלט, מײַנ אָרט איז צווישנ די אַרבעטנדיקע אונ מײַנ לעבנ איז טאָמיד פאַרבונדנ מיטנ אַרבעטער־קלאַס.

אָנהײב 1869 יאָר איז בײַ רעקליו געשענ אַנ אומגליק. קלאַריסע האָט ניט איבערגעטראָגנ דעמ קאַלטנ ווינטער אונ איז געשטאָרבנ פונ אַ לונגענ־אָנצינ־

דונג. אפ עליזעס הענט זײַנען איבערגעבליבן צװײ קלײנע מײדעלעך. רעקליו איז דערשיטערט פֿונעם טויט פֿון זײַן געליבטער פֿרוי, נאָר דאָס שטערט אים ניט צו לײענען לעקציעס אין די אַרבעטער-קרײַזלעך. פֿאַרקערט, ער װיל אין די שמועסן מיט די אַרבעטער פֿאַרגעסן אַביסל דעם אומגליק זײַנעם.

אין פֿראַנקרײַך האָט זיך דערװײַל געפֿילט, אַז עס רוקט זיך אָן אַ סאָציאַלער געװיטער. די מאַכט פֿון נאַפּאָלעאָן דעם דריטן האָט אָנגעהױבן רודפֿן די מיטגלידער פֿונעם אינטערנאַציאָנאַל. אַסאַך עליזעס כאַװײרים זײַנען פֿאַרזעצט-געװאָרן אין טורמע. לעבן רעקליוס דירע האָבן זיך באַװיזן שפּיאָנען. זײ שפּירן נאָך נאָך יעדן טראָט זײַנעם. אין פּאַריזש בלײַבן איז געפֿערלעך. די פּאָליצײ קען יעדע מינוט אָנפֿאַלן און אַרעסטירן. רעקליו דאַרף פֿאַרענדיקן זײַן װערק, און ער באַשליסט אַװעקפֿאָרן אפ אַ שטיקל צײַט קײן לאָנדאָן. אין לאָנדאָן באַקענט ער זיך מיט מאַרקסן און נעמט אָן אָנטײל אין דער אַרבעט פֿון הױפּטראַט פֿון אינטערנאַציאָנאַל.

4. דער שטורעם רוקט זיך אָן

דאָס אַרעסטירן די אָנגעזעענע טוער פֿונעם אינטערנאַציאָנאַל אין פֿראַנקרײַך האָט פֿונדעסטװעגן ניט אָפּגעשטעלט דעם װוּקס פֿון דער רעװאָליוציאָנערער באַװעגונג און פֿון דער אַרבעטער-באַװעגונג. איבער פֿראַנקרײַך איז אין 1869 יאָר אַדורך אַ כװאַליע שטרײַקן. ס'האָבן געשטרײַקט די טעקסטילער אין רובע, די קױלנגרעבער אין לואַרער באַסײן, די מעטאַליסטן אפ די קרעזאָ-זאַװאָדן. די רעפּובליקאַנישע באַװעגונג אין פּאַריזש האָט זיך פֿאַרשטאַרקט. אפ די פּאַריזשער גאַסן האָבן די סטודענטן אין די לידער, װאָס זײ האָבן געזונגען, כױזעק געמאַכט פֿונעם אימפּעראַטאָר.

נאַפּאָלעאָן דער דריטער הײבט אָן אַ מלחמה מיט פּרײַסן, כּדי צו ראַטעװען זײַן װאַקלענדיקן טראָן. זומער 1870 יאָר איז דערקלערט געװאָרן מלחמה. די צײַטונגען רופֿן די פֿראַנצויזן, זײ זאָלן גײן אפ בערלין. די מלחמה אָבער האָט זיך אַרױסגעװיזן ניט פֿאַר קײן „פֿרײלעכן שפּאַציר קײן בערלין", װי די צײַטונגען האָבן װעגן דעם געמאָלדן. די פֿראַנצויזן האָבן געליטן אײן מפּלה נאָך דער אַנדערער. דעם 2-טן סעפּטעמבער בײַ סעדאַן האָבן די דײַטשן צעקלאַפּט און געפֿאַנגען נאַפּאָלעאָנען מיט זײַן אַרמײ. די געשעענישן אין פֿראַנקרײַך האָבן ניט געלאָזט רוען רעקליוען. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די מלחמה װעט אַ שטאַרקן קלאַפּ טאָן איבער דער אַרבעטער-באַװעגונג.

דעם 4-טן סעפּטעמבער אינאָװנט איז אין לאָנדאָן אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז אין פּאַריזש איז דערקלערט געװאָרן אַ רעפּובליק. רעקליו איז טײקעף אַװעקגעפֿאָרן קײן פּאַריזש.

אין פּאַריזש האָט געקאָכט. די אינטערנאַציאָנאַליסטן זײַנען אַלע באַפֿרײַט געװאָרן פֿון די טורמעס. װאַרלען איז אַראָפּגעקומען פֿון בעלגיע. אפ די אַר-

בעטער־פאַרזאַמלונגענ האָט זיכ באַוויזנ דער „אייביקער טורמע־זיצער״ בלאַנקי. ער האָט גערופנ צו „פאַרטיפערנ״ די רעוואָליוציע, די אַרבעטער זאָלנ פאַר־כאַפנ די מאַכט אינ זייערע הענט. דאָס האָט געשראָקנ די צײַטווײַליקע רעגי־רונג אונ זי האָט ניט געוווּסט, וואָס צו טונ — צי באַשיצנ פאַריז פונ די דײַטשנ, צי אָנהייבנ א קאַמפ מיט די פאַריזשער אַרבעטער.

עליזע האָט זיכ באַזעצט באַם ברודער עלי אַפ דער גאַס וואָזשיראַר. וועגנ וויסנשאַפטלעכער אַרבעט איז, פאַרשטייט זיכ, ניט שײַעכ געווענ צו טראַכטנ. עליזע האָט גאַנצע טעג פאַרבראַכט אַפ מיטינגענ אונ אַרבעטער־פאַרזאַמלונגענ. צוזאַמענ מיט זײַנ פרײַנט נאַדאַר*) האָט ער אָרגאַניזירט א לופטפליִערישנ פאַרק. נאַדאַר אונ רעקליו האָבנ געטראַכט, אַז אויב די דײַטשנ וועלנ באַלאַ־גערנ פאַריז, וועלנ זיי אײַנשטעלנ א פאַרקער מיט לופטשיפנ.

דערווײַל זײַנענ די דײַטשנ נעענטער צוגעגאַנגענ צו פאַריז. סאָפ סעפטעמ־בער האָבנ די פרײַסנ אַרומגערינגלט פאַריז. די שטאָט מיט איר צוויימיליאָ־ניקער באַפעלקערונג איז אָפגעשניטנ געוואָרנ פונעמ איבעריקנ פראַנקרײַכ אונ איז פאַרורטיילט געוואָרנ אַפ הונגער אונ נויט.

צווישנ דעמ קוואַרטאַל טאַמפל אונ דער גאַס שאַטאָ־ד'אָ אינ פאַריז גע־פינט זיכ דער קליינער פלאַץ קאָרדעריִ. אינ הויז נומ. 6 אַפנ דריטנ שטאָק געפינט זיכ די ביוראָ פונ דער פאַריזשער סעקציע פונעמ אינטערנאַציאָנאַל אונ דער פעדעראַלער ראַט פונ די פאַריזשער אַרבעטער־פאַריינענ. מענטשנ אינ אַרבעטער־בלוזעס זיצנ אַפ הילצערנע בענקלעכ אונ טאַבורעטקעס. ווער־זשע זײַנענ זיי? די נעמענ זייערע זײַנענ ס'ראָז ניט קיינ באַוווּסטע. אונ דאָכ זײַנענ אָט די מענטשנ די פאָרשטייער פונ אַרבעט אונ זיי פרעגנ מיט פולער רעכט:

— וואָס האָט די רעגירונג געטאָנ, קעדיי ניט צו דערלאָזנ די קאַטאַס־טראָפע?

— גאָרניט.

אונ די זיצונג פונ פעדעראַלנ ראַט פונעמ אינטערנאַציאָנאַל אונ פונ דער פאַריזשער פעדעראַציע פונ די אַרבעטער־פאַריינענ באַשטימט שאַפנ א צענ־טראַל־קאָמיטעט פונ פאָרשטייער פונ די צוואַנציק פאַריזשער קרײַזנ, צו פיר דעלעגאַטנ פונ יעדנ קרײַז. אָט דער קאָמיטעט דאַרפ קאָנטראָלירנ די אויפירונג פונ דער רעגירונג, אונ אויב מע וועט דאַרפנ נעמענ די באַשיצונג פונ דער שטאָט אינ די אייגענע הענט.

די צײַטווײַליקע רעגירונג, וואָס באַשטייט פונ בורזשואַזע פאָרשטייער, באַציט זיכ מיט אומצוטרוי צומ צענטראַל־קאָמיטעט. די רעגירונג פילט, אַז אינ דער לופט שמעקט מיט א רעוואָליוציע. נאָר זי האָט מורא אויפצוהייבנ אַנ אָפענעמ קאַמפ קעגנ צענטראַל־קאָמיטעט.

*) דער עמעסער נאָמענ נאַדאַרס איז פעליקס טורנאַשאָנ. ער איז געווענ רעקליוס אונ זשול ווערנס א גרויסער גוטפרײַנט. אָפגעבנדיק זיכ שטאַרק מיט לופטפליִערײַ, האָט נאַדאַר אינ 1863 אויסגעבויט א לופטשיפ „גיגאַנט״ אונ איז איבערגעפלויגנ אַפ איר קיינ דײַטשלאַנד.

דערווײַל הייבט זיך אין פאריזש אָן א הונגער. ס'איז ניטאָ קיין קוילן. עליזע זעט אַלע טאָג די לאַנגע רייען לעם די קראָמען. עליס פרוי — נאָעמי — קאָכט אויף עפעס א קוליש פון האַלב־צעפוילטע קאַרטאָפל.

— מע דאַרף זיך נעמען צו מעשים, — זאָגט עליזע צו וואַרלענען, — די אַרבעטער דאַרפן נעמען די זאַך אין די אייגענע הענט.

עליזע פאַרשרייבט זיך פאַר א פרײַוויליקן אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. דער יינגערער ברודער פאָל, א סטודענט־מעדיקער, טרעט אויך אַרײַן אין די רייען פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע.

דער צענטראַל־קאָמיטעט אָרגאַניזירט אין דעקאַבער אַן אַטאַקע קעגן די דײַטשן. נאָר די אַטאַקע ענדיקט זיך מיט א דורכפאַל. די דײַטשן האָבן אַרום פאַריזש קאָנצענטרירט זייער גרויסע קויכעס.

עליזע פאַרברענגט גאַנצע טעג אין די קאַזאַרמעס אָדער בא נאַדאַרן אינעם פאַרק פאַר לופטבאַלאָנען. שפּעט אין אָוונט קומט ער ערשט צו זיך צוריק אַהיים. ער גייט דורך די פוסטע פינצטערע גאַסן. אינעם נעפּל פון דער באַנאַכטיקער פּראָספּעקטער לויפט דוכט זיך עליזען אויס, אַז פאַריזש איז א טויטע שטאָט. עליזע ווייסט, אַז אין די פינצטערע שווײַגנדיקע הײַזער לײַדן מענטשן, שטאַרבן קינדער פון הונגער. ער באַמערקט, ווי דער פּלימעניק זײַנער, דער צעניאָריקער פאָל, עליס זון, ווערט וואָס א טאָג בלאַסער. עליזע ברענגט פאַר פאָלן פון קאַזאַרמע א קליין שטיקל ברויט, נאָר דאָס ברויט איז ווינציק נאַרהאַפטיק. עס איז ענלעך אַף א שטיק שוואַרצע קויט, ס'איז אין דעם אַלצדינג פאַראַן, אַחוץ מעל.

—

סאָף יאַנוואַר האָט מען געשלאָסן שאָלעם מיט די דײַטשן. פאַריזש האָט אַפּ זיך גענומען אויסצאָלן די דײַטשן 200 מיליאָן פראַנק קאָנטריבוציע, אָפּגעבן דאָס גאַנצע געווער און איבערגעבן אַלע פאָרטן, וואָס אַרום פאַריזש.

אָט די שווערע באַדינגונגען פונעם שאָלעם האָבן אַרויסגערופן א גוואַלדיקן פאַרדראָס בא דער פאַריזשער באַפעלקערונג. די אַרבעטער און די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער זײַנען אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן מיט געשרייען: „אַראָפּ די צײַטווײַליקע רעגירונג!“ אַלע האָבן געפאָדערט וואָס גיכער צונויפרופן די גרינדונג־פאַרזאַמלונג, וואָס האָט געדאַרפט באַשטימען די פראַגע וועגן שאָלעם.

פרײַנט האָבן אײַנגערעדט עליזען, ער זאָל אַרויסשטעלן זײַן קאַנדידאַטור פאַר א מיטגליד אין דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג. עליזע איז אַפּ א לופטבאַלאָן אַרויסגעפלויגן פון פאַריזש אין דאָרעם־פראַנקרײַך, אין דעפּאַרטאַמענט פון די אונטערשטע פירענייען, ווו מ'האָט אים געקענט.

דאָך האָט עליזע באַקומען זייער ווינציק שטימען.

סאָף פעברואַר איז עליזע ווידער אין פאַריזש.

די גרינדונג־פאַרזאַמלונג, וואָס איז זיך צונויפגעקומען אין באָרדאָ, האָט אויסגעוויילט דעם רעאַקציאָנער און מאָנאַרכיסט טיערן פאַר א פּרעזידענט פון

דער רעפובליק. טיער און ביסמארק האָבן אין ווערסאל אונטערגעשריבן א שאַלעם־אָפּמאך, לויט וועלכן פראנקרײַך האָט געדארפט אָפּטרעטן דײַטשלאַנד עלזאס־לאָטארינגיע און אײַנצאָלן פינף מיליארד פראנק גאָלד קאָנטריבוציע.

די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט.

טיער האָט אָפּגעגעבן א באַפעל צונעמען די הארמאטן, וואָס זײַנען געווען צעשטעלט אומעטום איבער פאריז.

— וואָס הייסט? — ווערט עליזע אויפגעבראכט, ווען עלי דערציילט אים וועגן דעם. — די הארמאטן זײַנען אָפּגעגאָסן פארן געלט פון דער נאציאָנאַלער גוואַרדיע, פון די גראָשנס, וואָס מע האָט צונויפגעזאמלט בא די ארבעטער, און אצינד אָפּגעבן אָט די הארמאטן דער רעגירונג, וואָס האָט פײַנט סײַ דאָס פאָלק, סײַ די רעפובליק.

די נאציאָנאלע גוואַרדייער בונטעווען:

— מע דארף ניט אָפּגעבן די הארמאטן. זיי געהערן דעם פאָלק.

מאנצבלען, פרויען און יונגנלעכע פירן די הארמאטן אפן שפּיץ בארג מאָנמארטר. דאָ וועט זיי אָפּהיטן די נאציאָנאלע גוואַרדיע.

די ארבעטער פילן, אז די רעגירונג גרייט זיך א קלאַפּ צו טון דער רעפובליק אין רוקן. די הארמאטן דאָס איז דאָס לעצטע שוץ־מיטל אין די הענט פון פאָלק צו באשיצן די רעפובליק. אין דער לופט טראָגט זיך דער אָטעם פונעם אָנקומענדיקן שטורעם. אין אסאך הײַזער האָט מען פון די פענצטער ארויסגעהאנגען שווארצע פאָנען.

5. דער אכצנטער מארט

טוק... טוק... טוק...

עליזע כאַפּט זיך אוף. דער בלאסער באגינען קאַמ־קאָם האָט זיך בא־זיכט דעם צימער.

— וואָס איז געשען?

— שטייט אוף. די רעפובליק איז אין סאקאָנע...

עליזע שפּרינגט שנעל אראָפּ פון בעט און לויפט צו צו דער טיר. אפן שוועל דער ברודער פאָל.

— די רעגירונג־סאָלדאטן זײַנען באַפאלן די טייל, וואָס באשיצט די הארמאטן, און זיי פירן אוועק די הארמאטן פון מאָנמארטר.

עליזע טוט זיך שנעל אָן און גייט אין זײַן באטאליאָן־שטאב. אלע האָבן זיך שוין פארזאמלט. מע לאָזט זיך אפגיכ גיין צו מאָנמארטר. עליזע גלויבט אליין ניט זײַנע אויגן. די סאָלדאטן ברידערן זיך מיט די ארבעטער און מיט דער נאציאָנאַלער גוואַרדיע.

א יונגער גענעראל שרײַט צו די סאָלדאטן:

— שיסט, פאכדאָנים, פארעטער...

נאָר די סאָלדאטן שלעפן אראָפּ דעם גענעראל פון פערד. די ארבעטער כאפן א צעהייטן פארשוין אין ציווילן אָנטון.

ס׳דערהערן זיך קוילעס פונעם המוין:

— דאָס איז דער גענעראל טאָמא, וואָס האָט אין 1848 יאָר צעשאָסן אונדזערע טאטעס!

ביידע גענעראלן פירט מען אוועק. דער המוין פאָדערט, מע זאָל זיי טייקעף מישפּעטן. מע פארמישפּעט די גענעראלן צום שיסן.

עס הערן זיך קוילעס:

— זאָל לעבן די קאָמונע!

עליזע גייט אפּן פלאצ ״אָרדערי. ער זוכט ווארלענען, לעפראנסע און אנדערע מיטגלידער פונעם אינטערנאציאָנאל. מע דארף ארעסטירן טיערן און זיינע מיניסטאָרן, טראכט עליזע, אניט וועלן זיי מאכן א פאָגראָם״.

אין סעקציע געפינט עליזע יאָר בענוא מאראָנען. ער איז שטארק אופגערעגט.

— טיער איז די רעגירונג זיינע אנטלאָפן קיין ווערסאל.

— הייסט עס, אז פאריז איז אין די הענט פון פאָלק! גיט א געשריי עליזע.

— ווייזט אויס, זאָגט מאלאָן.

עליזע גייט צו דיוואלן, דעם קאָמאנדיר פון זיין באטאליאָן. דיוואל, אן ארבעטער, א גיסער, א מיטגליד פון צענטראל־קאָמיטעט, זאָגט, אז דער צענטראל־קאָמיטעט האָט אפּ אן עקסטרע־זיצונג באשטימט דעם 28־טן מארט מאכן וואלן אין שטאָטראט.

אָט דער פאריזער ראט פון פאָלקס־דעפּוטאטן וועט נעמען די מאכט אין זיינע הענט, און פאריז וועט ווערן א קאָמונע־שטאָט.

„די פאריזער פּראָלעטאריער! ווערט געזאָגט אין מאניפעסט פון צענטראל־ראט פונעם 18־טן מארט, זעענדיק די מאפּאָלע און דעם פאראט פון די הערשנדיקע קלאסן, האָבן פארשטאנען, אז עס איז געקומען די צייט, ווען זיי אליין דארפן ראטעווען דאָס לאנד און נעמען די אָנפירונג מיט די געזעלשאפטלעכע ענינים אין די אייגענע הענט... זיי האָבן פארשטאנען, אז אפּ זיי ליגט דער כויוו, אז זיי האָבן די פולע רעכט צו ווערן די באַלעבאטים פון זייער אייגענעם גורל און נעמען די רעגירונג־מאכט אין די אייגענע הענט״.

אפּ מאָרגן האָט עליזע, ארויסגייענדיק פון שטוב, דערזען, ווי אפּ דער געביידע פון מאגיסטראט פלאטערט א רויטע פאָן.

„זאָל אָט די פאָן פון מיר טראכט עליזע זאָל אָט די רויטע פאָן פון פארגאָסענעם ארבעטער־בלוט פון היינט אָן זיך צעוויקלען איבער דער גאנצער וועלט״.

6. די קאָמונע

העל שײַנט די פרילינגדיקע זונ אָפ די פּאַריזשער גאַסנ. דער ווינט פאָ־כעט טויזנטער רויטע פאָנענ. באַטאַליאָנענ פונ נאַציאָנאַלער גוואַרדיע אונ אַ האַמוינ מענטשנ מיט געזאַנגענ פונ „מאַרסעליעזע" גייענ ווי אַנ אומענדלעכער שטראָמ צומ מאַגיסטראַט אפנ גרעווער פּלאַצ.

הײַנט, דעמ 28־טנ מאַרט, איז דאָס פּראָקלאַמירנ פונ דער קאָמונע. פּאַריז וועט עפנטלעכ פאַר אַלעמענ דערקלערנ זײַנ ווילנ — זײַנ אַ פרײַע שטאָט, זײַנ אַ רעפּובליק, אַ קאָמונע.

צומ פּלאַצ גייט עליזע מיט דיוואַלס טייל. דיוואַלס באַטאַליאָנ פאַרנעמט אַנ אָרט קעגנ דעמ מאַגיסטראַט. פאַר דער געבײַדע פונ מאַגיסטראַט האָט מענ אוועקגעשטעלט אַנ עסטראַדע. אפ דער עסטראַדע — דער גאַנצער קאָמיטעט פונ דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. פאַר אימ שטייענ די נײַ אויסגעקליבענע מיטגלידער פונ ראַט פונ דער קאָמונע, אַלע אַרומגעבינדנ מיט רויטע שאַרפנ.

צווישנ די מיטגלידער פונ דער קאָמונע זעט עליזע אַסאַכ פרײַנט אונ באַקאַנטע — די מערהײט אַרבעטער, מיטגלידער פונעמ אינטערנאַציאָנאַל.

אָט איז עזשענ וואַרלענ, לעבנ איז בעניא מאַלאָנ, אַ געוועזענער פּאַסטעכ אינ דער יוגנט, גוסטאַוו לעפראַנסע, אַ פאָלקס־לערער, וואָס האָט אינ דער יוגנט אָנטייל גענומענ אינ דער רעוואָלוציע פונ 1848 יאָר. נאָכ אימ זעט זיכ די פיגור פונעמ יונגנ דאָקטער עדואַרד וויאַליאָנ, אַ הייסער אָנהענגער פונעמ „אַלטנ" בלאַנקי.

דער פאָרשטייער פונ צענטראַל־קאָמיטעט ראַנוויע מעלדעט אפ אַ קאָל, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט גיט איבער די מאַכט דעמ ראַט פונ דער קאָמונע, וואָס די גאַנצע פּאַריזשער באַפעלקערונג האָט אויסגעקליבנ.

— זאָל לעבנ די קאָמונע!

די מוזיק שפּילט „מאַרסעליעזע". די מעכטיקע קלאַנגענ דערשיטערנ די לופט. מע טראַכט שוינ ניט פונ מילכאָמע. מע שרעקט זיכ ניט פאַר ווערסאַל. מע גלויבט ניט, אַז די אַלטע אָרדענונג זאָל זיכ אומקערנ.

— זאָל לעבנ די קאָמונע! זאָל לעבנ די אַלוועלטלעכע רעפּובליק! — שרײַט רעקליו צוזאַמענ מיט אַלע. זײַנע אויגנ זײַנענ נאַס.

האַגאַמ רעקליו איז ניט אַרײַנ אינ ראַט פונ דער קאָמונע, דאָכ איז ער פונ אינדערפרי ביז אפדערנאַכט פאַרנומענ מיט געזעלשאַפטלעכע ענינימ. וואַליאַנ, אַלס פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר בילדונג, האָט פאָרגעלייגט עלינ אונ עליזענ אַרבעטנ אינ דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק. עליזע אַרבעט אויסער דעמ מיט נאַדאַרנ אינ לוטספּליערישנ פּאַרק, אונ אַכוצדעמ שרײַבט ער נאָכ אַרטיקלענ פאַר דער צײַטונג „דער פאָלקס־רופ", וואָס עס גיט אַרויס זשול וואַלעס.

די קאָמונע האָט קורדעמקאָל צעלאָזט די רעגולערע ארמיי און האָט פארניכטעט די פּאָליציי—אָט דאָס געווער־פונק פיזישער קראפט פון דער אלטער אָרדענונג.

די קאָמונע איז טייקעף צוגעטראָטן ארונטערצורייסן די מאכט פון די גייסטלעכע, אָט דאָס געצייג פאר דער גייסטיקער פארשקלאפונג פון די פאָלקס־מאסן. די קאָמונע האָט געמאכט, אז בילדונג זאָל זיין אומזיסט, און האָט אראָפּגענומען פון דער וויסנשאפט די קייטן, וואָס די בירזשואזע רעגירונג־מאכט האָט איר אָנגעטאָן.

די קאָמונע האָט עפּעס אַ מין ווונדערלעכן אופן איבערגעמאכט פאריז. דער אויסגעלאסענער פאריז פון דער צווייטער אימפעריע איז אינגאנצן פארשוואונדן. פאריז איז געוואָרן אויס שטאָט פאר פריילעכע גווירים פון אלערליי נאציעס. ס'איז געוואָרן א שטאָט פון ארבעט, אן ארבעטנדיקע, א דענקענדיקע, א קעמפנדיקע, און מיט באגייסטערונג פון איר היסטאָרישער ראָליע, האָט פאריז קימאט אינגאנצן פארגעסן וועגן די מענטשנפרעסער, וואָס זיינען געשטאנען הינטער זיינע טויערן.

אלע זיינען געווען פארטיפט אין דער ארבעט. מ'האָט וועגן קיין אָנגריף אף ווערסאל נישט געטראכט. מ'האָט נישט געטראכט וועגן דעם, אז ס'איז נייטיק ענדגילטיק צעשלאָגן די ווערסאלער רעגירונג. און דאָס איז געווען א פארברעכערישער פעלער. טיער איז נישט געשלאָפן. ער האָט אונטער־ארום געגרייט אן אָנפאל.

דער אָנפאל

דעם 2־טן אפריל פון אינדערפרי [illegible] האָט [illegible] א האַרמאַטן־שיסעריי. [illegible] אין שטאָט פון די באטאליאָנען. אין גאס האָט זיך [illegible], אז די ווערסאלער גייען אף פאריז. באטאָג האָט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז די ווערסאלער האָבן פארכאפט דעם בריק נייי. די באטאליאָנען פון דער נאציאָנאלער גוואַרדיע גייען צום שלאכט. עליזעס באטאליאָנען טרעטן ארויס אפן פלאץ.

— קיין ווערסאל! קיין ווערסאל! הערן זיך קולות.

דער טאָג גייט דורך אין וואַרטן אף א באפעל ארויסצוטרעטן.

האלבע נאכט רייט דורך איבערן פלאץ א שאָריעך מיט אן עסטאפעט.

— נו, וואָס פאר א ידיעה? וואָס פאר א ידיעה?

— אלץ איז אין אָרדענונג. די ערשטע טיילן פון דער נאציאָנאלער גוואַרדיע קערן שוין זיין אין ווערסאל. די רעגירונג איז אנטלאָפן...

דער באטאליאָן באקומט א באפעל זיך אומקערן אפן פלאץ וואנדאָם.

די גוואַרדיע לייגט זיך אויס שלאָפן גלייך אפן ברוק. ס'וועט זיין א שווערע נאכט.

עליזע לייגט אונטער צוקאָפּנס זײַן זעקל, דעקט זיך אײַן מיטן שינעל און סטאַרעט זיך אנשלאָפן ווערן. נאָר ער קען ניט אײַנשלאָפן, פון דער באַקסיקער קעלט ווערן די גלידער אזױװי פארגליווערט. די שטערן ווערן בלאַסער.

פיר אזייגער וועקט מען דעם באַטאַליאָן. ס'איז אָנגעקומען א באַפעל זיך לאָזן אין שאַטיליאָן, אלס אויסשפירער.

עליזע נעמט דאָס זעקל, כאַפט ארויף אויף דער פלייצע די ביקס און גייט מיטן באַטאַליאָן אין שאַטיליאָן.

אין שאַטיליאָן צעשטעלט זיך דער באַטאַליאָן „אין א קייט".

אינדערפרי האָבן זיך באַוויזן די ווערסאַלער. עטלעכע באַטאַליאָנען. די פאַריזשער גרייטן זיך צו אן אַטאַקע. מיטאַמאָל הייבן אויף די ווערסאַלער די ביקסן מיט די קאָלבעס ארויף און שרײַען: „זאָל לעבן די רעפובליק!"

וואָס איז עס, א שפיצל? ניין, די ווערסאַלער הערן ניט אויף צו שרײַען: „זאָל לעבן די רעפובליק!"

די פאַריזשער וואַקלען זיך: שיסן צי ניט?

די ווערסאַלער רינגלען די מינוט ארום עליזעס טייל אין שרײַען:

— גיט זיך אונטער!

— אַך, אויסוואָרפן! שרײַט עליזע איבערראַשט.

ווערסאַלער זײַנען דאָ מאַראַנג צען מאָל מער פון פאַריזשער. דאָס אנטקעגנשטעלן זיך איז אומזיסט. אין עטלעכע מינוט ארום ווערן די פאַריזשער צעקלאַפט. א טייל גוואַרדייער זײַנען פארוואונדעט, א טייל דערהאַרגעט. די איבעריקע האָט מען גענומען געפאַנגען. עליזע איז צווישן די געפאַנגענע.

די געפאַנגענע צעשטעלט מען אויס אין רייען צו פינף מענטשן. מע פארבינדט זיי די הענט אף הינטן און אונטער א וואַך פון סאָלדאַטן, רײַטער און פוסגייער טרײַבט מען זיי קיין ווערסאַל.

אפן וועג קיין ווערסאַל באַגעגנט מען דעם גענעראַל ווינוא, וואָס פירט אָן מיטן ווערסאַלער חיל. ער הייסט אָפּשטעלן די געפאַנגענע און נעמט אָפּ א ראַפּאָרט בײַם אָפיצער, דעם קאָמאַנדיר פון דער וואַך.

דער אָפיצער מעלדעט, אז דער קאָמאַנדיר פון פאָלק האָט צוגעזאָגט די געפאַנגענע זיי שענקען דאָס לעבן.

ווינוא קרימט זיך. דערנאָך, דרייענדיק זיך אהין און אהער אפן פערד, ווענדט ער זיך צו די פאַריזשער געפאַנגענע:

— ווער איז דאָ דער קאָמאַנדיר?

א מענטש פון הויכן וווּקס מיט אן ענערגישן פּנים און שוואַרצע אויגן גייט ארויס פון די רייען:

— איך בין דער קאָמאַנדיר דיוואַל.

— און נאָך? שרײַט אויפגערעגט ווינוא.

פון די רייען געפאַנגענע גייען ארויס נאָך צוויי מענטשן.

— איכ בינ קאָמאנדיר פונ דיוזאל־שטאב,—זאָגט איינער.

— דיוזאלס געהילפ,—גיט צו א צווייטער.

עס ווערט שטיל אפ א רעגע. ווינוא קוקט צאָרנדיק אפ די דרײַ מענטשנ מיט אויסגעמוטשעטע פּנימער פונ דער שלאָפלאָזער נאכט אונ זאָגט צום אָפיצער:

— צעשיסנ!

דרײַ מענטשנ שטעלנ זיכ צו דער וואנט פונ דער דאָרפישער אכסאניע, ניט זאָגנדיק קיינ איינ וואָרט, ניט בעטנדיק קיינ ראכמאָנעס. די סאָלדאטנ נעמענ זיכ צילעווענ.

— זאָל לעבנ די רעפובליק! זאָל לעבנ די קאָמונע!—שרײַענ דיוזאל אונ זײַנע כאַווײרימ.

עס דערהערט זיכ א זאַלפּ. עליזענ איז פינצטער געוואָרנ אינ די אויגנ. ווענ דער רויכ פונעמ פײַער איז זיכ פונאנדערגעגאנגענ, האָט עליזע דערזענ, ווי צוויי מענטשנ ליגנ אפ דער ערד אונ רירנ זיכ ניט. אינ דער דריטער, דיוזאל, שטייט נאָכ אַלץ אפ די פיס.

נאָר אָט האָט ער זיכ אײַנ א וואַקל געגעבנ אונ אינ א רעגע ארום אומגעפאַלנ אפ דער ערד.

זייער טויט האָט מענ אײַנגעשריבנ ווײַטער.

אינ ווערסאַל האָט די געפאַנגענע קאָמונאַרנ באַגעגנט א האַמוינ פונ ניי־געריקע בורזשויעס. יונגלעכ זײַנענ אויסגעטאָפּנ אונ אינ ווילדער היספּילעס געשריענ:

— געפאַנגענע פּײַנט מענ! געפאַנגענע פּײַנט מענ!

— נעמענ געפאַנגענע דאָס איז ווײַטער א גרייסער נאַרישקײַט,—זאָגט עפּעס איינער א גראָבער פּאַרשוינ.

— פאַרשטייט זיכ, ווי האָט מענ געדאַרפט צעשיסנ אפנ אָרט. ווי מעשוגענע הינט,—גיט צו א צווייטער, ראַנטיר, א הענדלער.

די מאַכנע געפאַנגענע באַוועגנ זיכ פּאַמעלעכ איבער די ווערסאַלער גאסנ אונ ווערנ אָפּגעשאָטנ מיט זידלערײַ. עליזע פילט זיכ שרעקלעכ פאַרמאַטערט, אינ מויל איז עפּעס א ביטערקײַט, אינ קאָפּ — א נעפּל.

אפנ ראָג פונ איינער א גאַס האָט זיכ פונעמ האַמוינ ארויסגערוקט עפּעס א מענטש (עליזענ האָט זיכ געדוכט, אז ער האָט איר באַגעגנט אינ דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט) אונ מיט א געשריי: „אכ, די [illegible]" א קלאַפּ געגעבנ עליזענ מיטנ שטעקעלע אינ נאַקנ.

עליזע האָט אפ א רעגע פאַרלאָרנ דעמ באַוואוסטזײַנ, נאָר ער האָט אָנגעשטרענגט זײַנ גאַנצע ווילנקראַפט אונ זיכ אײַנגעהאַלטנ אפ די פיס.

„דאָס איז נאָכ ערשט אנ אָנהייב,—טראַכט ער.—מע דאַרפ זײַנ גרייט צו נאָכ ערגערע באַליידיקונגענ, מע דאַרפ האָבנ מוט צו שטאַרבנ פאַר דער רעוואָלוציע, פאַר די גרויסע אידעאַלנ פונ דער מענטשהײַט".

8. סאַטאָרי

אינאָוונס האָט מען די געפאַנגענע ווידער אויסגעשטעלט אין א לאַנגער קאָ־לאָנע צו פינף מענטשן אין א ריי. ס'האָט זיך דערהערט א קאָמאַנדע, און די קאָמונאַרן אונטער דער וואַך פון רייטנדיקע סאָלדאַטן האָט מען ערגעץ אַוועק־געפירט אין אַן אומבאַוויסטער ריכטונג.

פון דער פּאַריזער זייט האָבן געהילכט קאַנאָנען. דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט. די סאָלדאַטן האָבן אָנגעצונדן פאַקלען פון פעך.

חערסאָל איז געבליבן פון הינטן. עליזע האָט אויטאָמאַטיש געשפּאַנט, נאָר ער האָט באַמערקט יעדער קלייניקייט. ער האָט דײַטלעך געהערט דאָס שווערע אָטעמען אין דאָס דריבנעם אַרום אים.

נאָך עטלעכע שעה גיין האָט זיך באַוויזן א בערגל מיט א שפּיציקן פּלויט אַרום און אַרום. עס האָבן זיך אַרויסגעוויזן באַראַקן. דאָס איז געווען דער קריגס־לאַגער סאַטאָרי.

אין סאַטאָרי האָט מען צעשטעלט די געפאַנגענע אין באַראַקן. אַפן שמוציקן דיל האָט מען זיי א יעדן געגעבן אַביסל שטרוי. מע האָט אַרויס־געגעבן צו א שטיקל סאָלדאַטישן ברויט יעדערן און צו א קווערטל וואַסער. דער לאָמפּ אין די קרייזן באַראַקן האָט געברענט פינצטער. בא די טירן זײַנען געשטאַנען וועכטער, און באַלד מ'האָט פאַרבאָטן די געפאַנגענע א שמועס צו טון צווישן זיך; האָבן זיי געדראָט מיט שיסן.

די געפאַנגענע האָבן נאָך אפילו ניט באַוויזן זיך אויסצוציִען אַפן שמוציקן שטרוי, איז אין עטלעכע באַראַקן אַרײַנגעקומען אן אָפיצער מיט עטלעכע סאָל־דאַטן און האָט אויסגערופן:

— ווער עס וועט מאַכן א פרווו צו אַנטלויפן באַנאַכט, וועט צעשאָסן ווערן.

די געפאַנגענע האָבן געשוויגן.

— און איצט גיט צו די זייגערס, די רינגען, די פּאָרטסיגאַרן און דאָס געלט. ווער עס וועט פּרוּוון עפּעס צו באַהאַלטן, וועט דערשאָסן ווערן.

די סאָלדאַטן האָבן אָנגעהויבן די איבערזוכונג. מע האָט צוגענומען בא די געפאַנגענע אַלע זאַכן. בא עמיצן האָט מען צוגענומען דעם זייגער, דאָס נאָטיץ־ביכל, דאָס פעדער־מעסערל.

יעדן טאָג פלעגט מען ברענגען אין סאַטאָרי נײַע געפאַנגענע. די געפאַנ־גענע האָבן געבראַכט טרויעריקע נײַעס. די ווערסאַלער אַרמיי האָט אַרומגערינגלט פּאַריז און אָנגעהויבן א ווילדע אַטאַקע אַף די קאָמונאַרן. פּאַריז האָט באַ־שטימט זיך ניט אונטערגעבן. פּאַריז האָט באַשטימט אָדער זיגן, אָדער אומקומען.

די באַשיצער פון דער קאָמונע האָבן אויסגעבויט טויזנטער באַריקאַדעס אַף די פּאַריזער גאַסן, און די ווערסאַלער איז אויסגעקומען צו קעמפן פאַר יעדן קוואַרטאַל.

די קאָמונע קומט אום.

דער לאַגער אין סאַטאָרי איז געווען איבערגעפּילט, און דאָס לעבן דאָרט איז געוואָרן אַ קאָשמאַר. בײַ דער וואַכער שײַן פון די לאַמטערנס פלעגן זיך באַנאַכט דורכוואַרפן טונקעלע שאָטנס פון מענטשן: דאָס האָט מען גע־פירט קאָמונאַרן אויף צעשיסן.

„אײַנגיכן וועט מיסטאָמע אָנקומען אויך מײַן ריי“ — האָט זיך עליזע געטראַכט.

דעם 7־טן אַפּרעל גאַנצפרי זײַנען אין באַראַק אַרײַן דרײַ סאָלדאַטן. דער עלטסטער צווישן זיי האָט גענומען אויסרופן פאַמיליעס לויט אַ צעטל.

— זשאַן דיובואַ!

— איך! — האָט זיך אָפּגערופן אַן עלטערער אַרבעטער.

— מישעל באָווערי!

— איך.

— עליזע רעקליו!

— איך.

— קלײַבט זיך אין וועג אַרײַן.

— ענדלעך, — האָט אַ זאָג געטאָן זשאַן דיובואַ. — נו, דאָס איז גראָדע ניט אַזוי שלעכט... מיר וועלן, יעדנפאַלס, פּאָטער ווערן פון די רײַז...

אַלע דרײַ דריקן די פאַרבליבענע כאַווײרים די הענט, ניט האָפנדיק מער צו זען זיך מיט זיי.

די סאָלדאַטן האָבן עליזען און זײַנע כאַווײרים אוועקגעפירט ערגעץ הינ־טער די באַראַקן.

דאָרט זײַנען שוין צונויפגעזאַמלט געווען עטלעכע צענדליק געפאַנגענע קאָמונאַרן פון אַנדערע באַראַקן. דער אָפיצער האָט אָפּגעגעבן אַ באַפעל די קאָנוווירן, און די קאָנוווירן האָבן די געפאַנגענע אויסגעשטעלט אין רייען און אוועקגעטריבן זיי גלײַך מיטן וועג.

— וווהין טרײַבט מען אונדז? — האָט עליזע אַ פרעג געטאָן דער שאָכן זײַנער.

— איך ווייס ניט.

די געפאַנגענע האָט מען געב[illegible]ן ווערסאַל, אַרײַנגעזעצט אין שמו־ציקע פראַכט־וואַגאָנעס, פאַרשלאָסן און אַוועקגעפירט זיי צו מײַרעוור־צו.

עליזע איז גרייט געווען צו דעם, אַז מע וועט אים דערשיסן. ער האָט פאַר אָט די טעג איבערגעלעבט אַזוי פיל דערשיטערונגען, אַז דער געדאַנק וועגן טויט האָט אים ניט געשראָקן. ער האָט געפילט אַן אומגעהייערע מיד־קײַט און האָט געקוקט אויפן טויט, ווי אויף אַ מיטל פּאָטער צו ווערן פון די צאָרעס און באַליידיקונגען...

9. איבער טורמעס און עטאַפּן

ברעסט — איז אַ שטאַרקע פעסטונג, אויסגעבויט אויף די גראַניט־פעלדזן, וואָס שטאַרטשען אַרויס צום אַטלאַנטישן אָקעאַן. די פעסטונג מאַכט אַ שווידערלעכן

אײַנדרוק. ארומ און ארומ—גרויע פעלדזנ. אָפטמאָל, ווענ די נידעריקע שוועבנדיקע וואָלקנס, וואָס דער ווינט טרײַבט אָנ אפ די ברעגנ פונ ברעטאַנ, באַדעקט דעמ הימל און דער אָקעאַנ הייבט אָנ נאָכמער צו בושעווענ ארומ די פעלדזנ, ווערט דאָס בילד נאָכ גרויליקער.

ארומ דעמ אײַנגוס אפ די פיל קאפנ און אינדזלענ געפינענ זיכ אלטע פארצײַטיקע פאָרטנ—מאסיווע גראניט־געבײַענ מיט שמאָלע פענצטער־אמבראזורנ. אינ די צײַטנ פונ דער—קאָמונע זײַנענ די פאָרטנ אויסגענוצט געוואָרנ אפ קאזעמאטנ פאר די געפאנגענע קאָמונארנ. די געפאנגענע האָט מענ אוועקגעזעצט צו פערציק מענטשנ אינ א קאזעמאט. אינ די קאזעמאטנ איז ענג, ווייניק לופט. מע שלאָפט אפנ שטרויענעמ שטיצקנ דיל אפ שטרוי.

אינ א צײַט ארומ האָט מענ עליזענ אוועקגעזעצט אינ א קליינער פײַכטער קאמער מיט א שמאָל פענצטער אינ דער גראָבער שטיינערנער וואנט. אונטנ ערגעצ האָבנ זיכ די יאמ־כוואליעס געקלאפט אָנ די שארפע פעלדזנ. פונ פענצטער האָט מענ ארויסגעזענ א שטיקעלע הימל. אינ קאמער איז געווענ קימאט פינצטער.

באטאָג פלעג מענ עליזענ ארויספירנ אפנ אלגעמיינעמ שפאציר אינ טורמע־הויפ. אינעמ פאָרט קעלערי, וווהינ מע האָט פארזעצט עליזענ, האָבנ זיכ געפונענ בא הונדערט געפאנגענע קאָמונארנ. דאָס ראָוו ארבעטער, מענטשנ פונ פיזישער מי. עס האָט זיי געפײַניקט דאָס גאָרנישט ניט טונ. עליזע האָט באַשטימט זיכ נעמענ מיט זיי לערנענ. אייניקע ארבעטער האָבנ געוואָלט אויסלערנענ די ענגלישע שפראכ און מאטעמאטיק. פאר אנדערע האָט עליזע געלייענט לעקציעס פונ געאָגראפיע, געשיכטע אינ אנדערע וויסנשאפטנ.

אינגיכנ איז אינ קעלער געוואָרנ אנ עמעסער אוניווערסיטעט, וואָס האָט פארמאָגט איינ און איינציקנ פראָפעסאָר—עליזענ.

אינ יונ האָט מענ עליזענ צוגעשיקט די קאָרעקטור פונעמ צווייטנ באנד „ערד". עליזע האָט זיכ אינטענסיוו גענומענ צו דער ארבעט. די ארבעט און דאָס לערנענ מיט די ארבעטער האָט אביסל ליכטיקער געמאכט זײַנ לעבנ.

אינ יול איז צו עליזענ אינ קאזעמאט אראָפגעקומענ דער טורמע־שעפ אליינ.

— אײַכ וויל זענ דער הער מיניסטער זשול סימאָנ,—האָט ער געזאָגט, ווענדנדיק זיכ צו עליזענ.

עליזע האָט אימ געקענט אביסל, דעמ כיטרענ יעזויט, דעמ קאָווער־ליבהאָבער, דעמ צווייפּנעמדיקנ זשול סימאָנענ, וואָס איז באשטימט געוואָרנ פאר א מיניסטער פונ פאָלקס־בילדונג נאָכנ אראָפווארפנ נאפּאָלעאָנענ.

— גיט איבער דעמ מיניסטער, אז איכ האָב מיט אימ ניט וועגנ וואָס צו רײַדנ,—האָט עליזע געענטפערט.

— דער הער מיניסטער וויל פארגרינגערנ אײַער לאגע.

— איכ האָב שוינ אײַכ געזאָגט, אז איכ האָב מיט אימ ניט וועגנ וואָס צו ריידנ,—האָט עליזע איבערגעכאפּט.

דער טורמע־שעפ איז אוועק.

נאָכ א הישטאדלעס פונ עטלעכע געלערנטע האָט מענ עליוענ אריבערגע־פירט פונ פאָרט קעלערי אפנ אינדזל טרעבעראָנ, דריי קילאָמעטער פונ ברעסט.

אפ אָט דעם אינדזל איז געווענ א מיליטערישער שפיטאָל, האָט מענ אהינ פארזעצט עליוענ.

— פארוואָס פירט מענ מיכ אריבער פונעם פאָרט קעלערי, ווו די כאַווײ־רימ מיינע געפינענ זיכ? — האָט עליוע פראָטעסטירט.

— אינ פאָרט קעלערי זיינענ פינצטערע נאַסע געבײַדעס, אינ אינ טרעבעראָנ וועט איר זיכ געפינענ אינ בעסערע באדינגונגענ.

— נאָר איכ וויל זיינ צוזאמענ מיט מיינע כאווײרימ, ווײַלענ איכ ברענג אוואָסער ניט איז נוצ, אונ איכ וויל ניט זיינ אינ קיינ בעסערע באדינגונ־גענ פונ זיי.

— מיר קאָנענ גאָרניט העלפנ. וועגנ אייכ איז א באפעל געקומענ פונ פאריזש, אונ מיר מוזנ אייכ איבערפירנ.

טרעבעראָנ א קליינ אינדזל. עטלעכע הײַזלעכ אינ א שפיטאָל, צוויי־דריי באדינער אונ פינפ סאָלדאטנ אָט דאָס איז די גאנצע באַפעלקערונג פונעמ אינדזל.

עליוענ האָט מענ אוועקגעזעצט אינ איינער פונ די קליינע קאמערס מיט א ליכטיקנ פענצטער, פונ וועלכנ ס'האָט זיכ ארויסגעזענ א ברייטער אָקעאנ־לאנדשאפט. עליוע פלעג גאנצע שאָענ אָפזיצנ בײַמ אָפענעמ פענצטער אונ קוקנ אפנ יאמ, אפנ הימל, אפ פייגל, וואָס פליענ איבערנ יאמ.

אָט האָט זיכ א גרויסער, ווײַסער פויגל א בײַל געטאָנ איז דער אומ־ענדלעכער בלוי. הויכ־הויכ אינ הימל שוועבנ גרויע וואָלקנס. זיי קומענ פונ מיזרעכ אָנ, פונ יענער זייט אָקעאנ. עפּעס זענענ אָט אָ די וואָלקנס געבוירנ געוואָרנ אפ די הייכנ פונ סיערע־נעוואדע אונ פונ די אנדנ, ווו אמאָל האָט ער, עליוע, ארומגעבלאָנקעט.

עליוע טראָגט זיכ אריבער מיט די געדאנקענ אינ דער לאנג פארגאנגענער צײַט. דער ווײַסער פויגל גיט זיכ א הייב־אופ צו די וואָלקנס. ער האָט נאָכא־מאָל א בלישטשע געטאָנ אינ דער בלויער ווײַט אונ איז נעלעמ געוואָרנ אינעמ לופט־אָקעאנ.

עליוע זיפצט אָפ, גייט אָפ פונעמ פענצטער אינ זעצט זיכ צו דער ארבעט. נאָר די ארבעט גייט בא אימ זייער שוואַכ. עליוענ נערווירט דעמ וועכטערס שפאנענ הינ אונ צוריק לעמ זײַנ פענצטער.

עליוע הייבט אָנ זינגענ אפ א קאָל:

ווערכטער!

וועכטער! דו היטסט מיכ זומויסט אָט אָ דאָ־
טווזנטער קעמפער
פארמאָגט דאָכ די וועלט־רעפּובליק...

— אַרעסטירטע טאָרן ניט זינגען, — זאָגט דער סאָלדאַט, צוגייענדיק צום פענצטער.

די שטימונג פאַלט. עליזע ווערט אַנטשוויגן און הייבט אָן שפּאַנען איבער דער קאַמער הין און צוריק און רופט ענדלעך אויס אַפן קאָל:

— פרײַהייט! שווינדזשע וועט קיינמאָל ניט אָנקומען דײַן הערשאַפט?

סאָפּ יול האָט עליזע באַקומען אַ בריוו פון זײַן פרײַנט מאַנואַר, דעם סעקרעטאַר פון דער פּאַריזער געאָגראַפישער געזעלשאַפט. מאַנואַר האָט באַשריבן, אַז די געאָגראַפישע געזעלשאַפט סטאַרעט זיך, מע זאָל אים באַפרײַען. אייניקע מיטגלידער פון דער רעגירונג האָבן צוגעזאָגט מיטהעלפן. אַז די הישטאַדלעס זאָל האָבן דערפאָלג, איז נייטיק עליזעס אַ שריפטלעכע פאַרפליכטונג, אַז ער וועט אין דער צוקונפט קיין אָנטייל ניט נעמען אין דער רעוואָליוציאָנער באַוועגונג. מאַנואַר האָט געשריבן, אַז די רעגירונג וועט זיך באַנוגענען אפילע מיט ניט קיין אָפיציעלער מעלדונג, נאָר פּראָסט מיט עטלעכע ווערטער אין אַ פּריוואַטן בריוו צו אַ מיטגליד פון דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט.

— זיי ווילן, איך זאָל מיט נידערטרעכטיקייט זיך קויפן די פרײַהייט, — האָט עליזע אַ זאָג געטאָן, דורכלייענענדיק מאַנואַרס בריוו.

— איך וועל גיין בעסער אַפּ קאַטאָרגע און בלײַבן אַן ערלעכער מענטש, — האָט עליזע צוגעגעבן און האָט צעריסן מאַנואַרס בריוו.

אין אַ צײַט אַרום האָט נרעבעראָן באַזוכט דער אַלטער קיורע [1], וואָס איז אַ ביסל באַקאַנט געווען מיט עליזעס פאָטער. דערוויסנדיק זיך וועגן עליזעס גורל, איז ער געקומען צו פאָרן פון נאַנט קיין ברעסט און האָט זיך דערשלאָגן, מע זאָל אים צולאָזן צו רעקליו.

— זון מײַנער, — האָט דער קיורע געזאָגט, — איך קען אײַער פאָטער, איך בין באַקאַנט מיטן מיניסטער קאַזימיר פּעריע. איך קען איבעררעדן מיט אים וועגן אײַך און איך פאַרהאָף, אַז דער מיניסטער וועט זיך צוהערן צו מײַנע באַקאָשע. וואָס וועט איר זאָגן דערויף?

— פאַרשטייט זיך, אַז איך וויל זײַן פרײַ, ווי עס ווילן פרײַ זײַן אַלע מײַנע כאַווײרים, — האָט געזאָגט עליזע, — נאָר מײַן פרײַהייט וויל איך ניט קויפן דערמיט, וואָס כ'וועל זיך אָפּזאָגן פון מײַנע איבערצײַגונגען.

— איך פאַרשטיי אײַך — דאָס אָפּזאָגן זיך פון אייגענע איבערצײַגונגען, אפילע פון פאַלשע, איז פאַר אײַך שווער, נאָר וועגן איר ווילט מאַסקים זײַן בעטן וועגן באַגנעדיקונג...

— איך וויל ניט קיין גנאָד, — האָט אים עליזע איבערגעשלאָגן. — איך האַלט, אַז אונדזער זאַך איז אַ גערעכטע און איך וועל זיך דעריבער ניט ווענדן מיט קיין באַקאָשעס, וואָס דערנידעריקן, אַפילע צוליב פרײַהייט.

1) קיורע — אַ דאָרפישער גאַלעך אין פראַנקרײַך.

נאָר דערמאָנט זיך, זון מײַנער, וועגן אײַער אַלטן פאָטער...

— לאָמיר אופהערן דעם שמועס, מיר ריידן אַפ פאַרשיידענע שפּראַכן און מירן איינער דעם אַנדערן ניט פאַרשטיין. אַ גוטן טאָג.

— אַ שאָד, מײַן זון, אַ גרויסער שאָד, וואָס איר זאָגט זיך אָפּ פון מײַן הילף. האָט קיין פאַריבל ניט, וואָס איך האָב אײַך באַומרויִקט. אַ גוטן טאָג.

דאָס וואַרטן אַפן גערירטן האָט געדויערט קימאַט אַ האַלב יאָר. די צײַט איז געגאַנגען פּאַמעלעך. עליוע האָט פיל געאַרבעט און האָט פאַרענדיקט אין טורמע דעם צווייטן באַנד „ערד".

ווען עליוע האָט פאַרענדיקט די אַרבעט, האָט ער זיך גענומען פאַר אַ נײַעם בוך. אים האָט זיך פאַרגלוסט אָנשרײַבן אַ בוך פאַר דער יוגנט. דעם בוך האָט ער דערנאָך אַ נאָמען געגעבן „די [illegible] פון אַ באַרג".

צו אָט דער טעמע האָט אים [illegible] אַ [illegible] געשיכטע [illegible] פון זײַן צעניאָריקן פלימעניק פּאָל, [illegible] צו [illegible] מיט דער מוטער [illegible] אַז ער [illegible].

עליוע האָט [illegible] אַ [illegible] זיך אַרויס־רײַסן פון וועלכע [illegible] אין דער [illegible].

עליוע איז [illegible] האָט צוזאַמען מיט זײַנע [illegible] וואָס ער האָט באַקומען [illegible] פאַר [illegible]. אַז [illegible]

„מײַנע היִיש [illegible] דער [illegible]"

איך וואַג מער [illegible] שרײַבן און [illegible] מיר [illegible] מענטש. יאָ, דו און [illegible] נישן, וואָס האָבן [illegible] נען אײַנשטעלן. אָט [illegible] קאָ־ אַ מעגלעכקײַט, [illegible] דיר געבן לעבן פון פעלקער, [illegible] אינעם [illegible] איז עס [illegible] געוויינ [illegible] לעבן. וועסט [illegible] אָן אַ רויִקן שווייצער־טאָל. [illegible] און אומגעהייער נוצלעך [illegible] פון דער נאַטור, וועסט דערוזען טאָלן מיט [illegible] אוצרעס. די באַקאַנטשאַפט מיט דער נאַטור [illegible] גרינגער צו באַנעמען די בוך־וויסנשאַפט. לערן זיך [illegible] די וויסנשאַפט געט־

1) [illegible] האָט [illegible] פון דעם עלטערן — [illegible] און עליוען [illegible] אַ באַוווּסטער דאָקטער, אַ בידנע.

רײַ ביס דײַנע יונגע צײַט. סו אזוי, או ווענ דו וועסט אויכוואַקסנ, זאָלסטו קענענ זאָגנ: „איך בינ א נוצלעכער בירגער, איך ברענג נוצנ דער געזעל־שאפט".

געדענק, אז יעדער מענטש האָט א ווערט נאָר אפ אזויפיל, אפ וויפל ער ברענגט ניטס אינ נוצ די ארומיקע. דער, וואָס טוט די מענטשנ קיינ גוטס ניט, איז גלײַכער אז ער וואָלט אפ דער וועלט ניט געבוירנ געוואָרנ.

איך האלדז דיך. דײַנ פרײַנט

עליוע".

אינ אָקטיאבער האָט מענ עליוענ פונ טרעבערהאָנ אריבערגעפירט אינ ברעס־טער מיליטער־טורמע אונ פינ דאָרטנ אינ דער ווערסאַלער טורמע. פונ ווערסאַל האָט מענ עליוענ אריבערגעפירט אינ פאָנטענוא, אונ פונ דאָרטנ האָט מענ אָנהייב נאָיאבער אימ געבראכט אינ דער טורמע פונ סענ־זשערמענ, ווו ס׳האָט באדארפט זײַנ דער געריכט.

10. דער געריכט

די זיצונג פונעמ מיליטער־געריכט איז פאָרגעקומענ אינ א טונקעלער גע־בײַדע, ענלעכ אפ א קאזארמע. אינמיטנ גרויסנ ליידיקנ זאל איז געשטאנענ א גרויסער טיש, באדעקט מיט א שווארצנ געוואנט. דער מישפעט האָט גע־דארפט זײַנ אינאָוונט.

דרײַ האנדעליאַבעס מיט אָנגעצונדענע ליכט האָבנ שוואכ באלויכטנ דעמ זאל אינ ס׳איז געווענ האלב פינצטער.

ווענ די צוויי סאָלדאטנ מיט ביקסנ האָבנ אריינגעפירט עליוענ אינ זאל, האָט ער דערזענ זיבנ מיליטערלײַט זיצנ ארומ טיש. דאָס זײַנענ געווענ די ריכטער. מ׳האָט אימ צוגעפירט צומ טיש.

— אײַער נאָמענ אינ פאמיליע, באשולדיקטער? — האָט מיט א גרילציק קאָל א פרעג געטאָנ דער פאָרזיצער פונ געריכט.

— עליוע רעקלו.

— טאכ?

— א געלערנטער, א געאָגראפ.

— עלטער?

— 41 יאָר.

— איר ווערט באשולדיקט אינ מאכנ א באוואָפנטנ אופשטאנד, קעדײַ גע־אראָפצוווארפנ די עקזיסטירנדיקע רעגירונג. מע האָט אײַכ געכאפט מיט גע־ווער אינ די הענט. לויט די געזעצנ פינ מיליטערישנ אונ קרימינעלנ קאָדעקס קומט פאר דעמדאָזיקנ פארברעכנ פארשיקנ אפ אייביקער קאטאָרגע. וואָס קענט איר זאָגנ זיכ צו פארטיידיקנ?

— גאָרניט.

— הערן ריכטער, — האָט זיך דער פאָרזיצער געווענדעט צו די ריכטער, — די זאַך איז קלאָר. איך רעכן, אז מיר קענען צוטרעטן צו באהאנדלען דעם אורטייל.

די ריכטער האָבן א שאָקל געגעבן מיט די קעפ, אז זיי זײַנען מאסקים.

— וועכטער, פירט אוועק דעם באשולדיקטן.

אין א האלבער שעה אַרום האָבן די סאָלדאטן ווידער אַרײַנגעפירט עלי־זען אין זאל, און דער פאָרזיצער האָט אָפּ א קאָל איבערגעלייענט דעם אורטייל:

„פראנצויזישע רעפובליק

מיליטער־געריכט פון דער ערשטער דיוויזיע אין סען־זשערמען

אורטייל

אין נאָמען פון פראנצויזישן פאָלק

באשטימט די זיבעטע אָפּטיילונג פונעם מיליטער־געריכט פון דער ערשטער דיוויזיע פאָלגנדיקס:

— היינט, דעם 15־טן נאָיאבער, 1871 יאָר, אײַנהערנדיק די באשולדיקונג און די באשטימונג פונעם רעגירונגס־קאָמיסאַר וועגן דעם אינײַען פון עליזע רעקליו, א שרײַבער, א געאָגראַף, וואָס ווערט באשולדיקט אין נעמען אָנטייל אינעם פאריזשער באוואָפנטן אויפשטאנד און אין אָנפירן געווער קעגן דעם רעגירונג־מיליטער, באשטימט דער מיליטער־געריכט, וואָס קומט פאָר אין סען־זשערמען:

נעמענדיק אין אכט די פאַרווײַכערונגס־אומשטאנדן, פאַרמישפּעט דאָס מיליטער־געריכט מיט דער מערהייט פון פינף שטימען קעגן צוויי, לויטן אר־טיקל 267 פון מיליטער־קאָדעקס און ארטיקל 463 פון קרימינעלן קאָדעקס רעקליו עליזע, א שרײַבער א געאָגראַף, צו אייביקער פאַרשיקונג. אפּן סמאַך פונעם ארטיקל 735 פון מיליטערישן קאָדעקס באשטימט דאָס מיליטער־געריכט אויפצומאָנען לעטויוועס דער מעלבער־קאָסטע פונעם באשולדיקטן רעקליו עליזע: די געריכט־הוצאָעס, וואָס עס האָט אָפּגעקאָסט פונעם פּראָצעס. אָט דער אורטייל איז גילטיק פון היינט אָן, דעם 15־טן נאָיאבער 1871 יאָר".

עליזע האָט אויסגעהערט דעם באשלוס קאַלטבלוטיק. ער האָט אָפּ דעם גע־וואָרט. דאָסראָוו כאַווײַרים זײַנען, אפילו די פרויען, צווישן זיי זײַן פרײַנט לויזע מישעל, זײַנען פאַרמישפּעט געוואָרן אָפּ קאַטאָרגע, און ער איז דאָך שולדיק ניט ווינציקער פון זיי.

אפּן גאַנצן לעבן פאַרשיקט אין נײַ־קאַלעדאָניע.

די בורזשואזיע נעמט נעקאָמע פאַר דער שרעק און דערנידעריקונג, וואָס זי האָט איבערגעלעבט.

11. אַרויסשיקונג

נאָכנ געריכט האָט מענ עליזענ אריבערגעפירט פונ סענ־זשערמענער טור־מע אינ דער טורמע פונ מאָנ־וואַלעריענ, אונ פונ דאָרטנ האָט מענ סאָפ דע־קאַבער אימ אריבערגעפירט אינ ווערסאַלער איבערשיקונג־טורמע.

דער ווינטער איז דורכגעגאַנגענ אינ פײַנלעכנ וואַרטנ. יעדנ טאָג האָט עליזע געוואַרט, אַז אינ צימער וועט אַרײַנקומענ אַ זשאַנדאַר אונ וועט אימ הייסנ זיכ קלויבנ אינ ווײַטנ וועג אפנ אינדזל נײַ־קאַלעדאָניע. נאָר טעג זײַנענ פאַרבײַגעגאַנ אונ דער זשאַנדאַרמ האָט זיכ ניט באַוויזנ. די טורמע־וועכטער זײַנענ געווענ בייזע אונ שווײַגנדיקע.

ערשט אינ פעברואַל 1872 יאָר האָט עליזע זיכ דערוווּסט, אַז נאָכנ געריכט האָט זיכ אינ ענגלאַנד געבילדעט אַ שיץ־קאָמיטעט, אינ וועלכנ עס זײַנענ אַרײַנ טשאַרלז דאַרווינ, ליאַלעס, ע. קאַרפענטער אינ אַנדערע אָנגעזעענע געלערנטע אינ שרײַבער פונ ענגלאַנד. אָט דער קאָמיטעט האָט דערלאַנגט טיערנ אַ פעטיציע אונ געפאָדערט מע זאָל עליזענ דעמ אורטייל פאַרלײַכטערנ.

„מיר רעכענענ, — איז געזאָגט געוואָרנ אינ דער פעטיציע, — אַז דאָס לעבנ פונ אַזאַ מענטשנ, ווי עליזע רעקלו, וואָס זײַנע פאַרדינסטנ אינ דער ליטע־ראַטור אונ אינ דער וויסנשאַפט אָנערקענענ אַלע ציוויליזירטע מענטשנ — גע־הערט ניט נאָר זײַנ אייגנ לאַנד, נאָר אויכ דער גאַנצער וועלט. מיר זײַנענ זיכער, אַז די וויסנשאַפטלעכע ווערק, וואָס עליזע רעקלו האָט אָנגעשריבנ, זײַנענ אָרעמ פאַר דעמ, אַז ער וועט אינ דער צוקונפט אָנשרײַבנ נאָכ גרע־סערע ווערק אינ דערפאַר בעטנ מיר, צוליב די אינטערעסנ פונ דער וויסנ־שאַפט אונ קולטור, ניט אָנווענדנ צו עליזע רעקלו קיינ שטרענגע שטראָפ".

אונטערנ דרוק פונ אָט דער פעטיציע האָט די פראַנצויזישע רעגירונג באַ־שלאָסנ צו פאַרבײַטנ רעקלו די אייביקע פאַרשיקונג אפ אַרויסטרײַבנ אימ פונ פראַנקרײַכ.

עליזע האָט דעמאָלט וועגנ אָט דעמ פאַרלײַכטערנ זײַנ גורל גאָרניט געוווּסט. דעמ 14־טנ מאַרט גאַנצפרי איז צו אימ אינ קאַמער אַרײַנגעגאַנ דער טורמע־אופזעער.

— נעמט צונויפ אײַערע זאַכנ אינ קומט אינ קאַנצעליאַריע, — האָט זיכ אָנגערופנ דער אויפזעער.

אינ קאַנצעליאַריע איז געווענ דער טורמע־שעפ אונ עטלעכע זשאַנדאַרנ.

— די אייביקע פאַרשיקונג ווערט אײַכ פאַרביטנ אפ אַרויסשיקנ פונ פראַנקרײַכ, — האָט געזאָגט דער טורמע־שעפ. לייענט דורכ דעמ באַפעל אונ שרײַבט זיכ אונטער.

עליזע האָט קוימ אויטאָמאַטיש דורכגעקוקט דאָס פאַפיר אונ זיכ אונטערגעשריבנ.

— גיט אײַערע הענט.

ניט האָבנדיק קיין שום פאַרדאַכט, האָט עליזע אויסגעצויגן די הענט. א זשאַנדאַרם איז צוגעגאַנגען און זיך גענומען אים אָנטאָן הענט־קייטן.

— צוליב וואָס איז עס? — איז עליזע געוואָרן אויפגעבראַכט.

— מיר טוען לויט דער אינסטרוקציע, — האָט מיט א טאָן פון א שולדיקן זיך אָפּגערופן דער בורמעיסטער. — מע וועט אייך אָפּפירן אין אן ארעסטאַנטן־קאַרעטע צו דער שווייצאַרישער גרענעץ און דאָרט וועט מען די קייטן אַראָפּנעמען.

— ס׳אַרא אײַזדעקוועץ זיך! האָט אויסגעשריען עליזע.

אונטער א וואַך פון צוויי זשאַנדאַרן איז עליזע אַרויס אין בורמעיסטער־הויף. אין הויף איז שוין געשטאַנען א פאַרמאַכטע קאַרעטע מיט א קליינינקן פענצטערל; זשאַנדאַרן מיט ביקסן האָבן זיך אויסגעשטעלט לעם עליזען פון ביידע זײַטן, און די קאַרעטע האָט זיך שנעל אײַנגעקײַקלט איבער די ווערסאַלער גאַסן.

אויפן פערטן טאָג, דעם 7טן מאַרט גאַנץ פרי, איז די קאַרעטע שוין געווען אויף דער שווייצאַרישער גרענעץ, אינעם שטעטעלע פּאָנטאַרליע. די זשאַנדאַרן האָבן אַרויסגעפירט עליזען פון דער קאַרעטע. מ׳האָט פון אים אַראָפּגענומען די קייטן. די זשאַנדאַרן האָבן צופוס אָפּגעפירט עליזען ביז דער שווייצאַרישער גרענעץ און אים אָפּגעלאָזט.

„שוין־זשע איז טאַקע א לאַנד צו די טפּיטע־מאַטערנישן?" האָט עליזע א טראַכט געטאָן, שנעל אַוועקגייענדיק פון די זשאַנדאַרן.

אָט איז ער שוין אַריבער איבערן בריקל פונעם ריטשקעלע, וואָס טיילט אָפּ פראַנקרײַך פון דער שווייץ. אויפן עק בריקל אויף דער שווייצאַרישער זײַט שטייט שוין די שווייצאַרישע גרענעץ־וואַך.

די שווייצאַרער בעטן עליזען, ער זאָל עפענען זײַן מאָגערן טשעמאָדאַן. ער עפנט. אין טשעמאָדאַן זײַנען עטלעכע ביכער, העפטן, א פּאָרל וועש.

דער שווייצאַרער הייסט עליזען פאַרמאַכן דעם טשעמאָדאַן און לאָזט אים דורך. עליזע לאָזט זיך צום קליינעם דערפל, וואָס זעט זיך דאָ ניט ווײַט.

— שוין־זשע בין איך פרײַ? ריפט עליזע אויס אויף א קול.

פון דער אויפגייענדיקער זון, ברענען לײַכטיק, פּוניקע וואָלקנס. פונדערווײַטנס זעען זיך די אַלפּן־שפּיצן. אויף מיזרעך, אונטער די שטראַלן עליזע קוקט לאַנג אויף די שניי־בערג, און דער גאַנצער גוף זײַנער פלאַמט פונעם פרײַהייט־געפיל.

ער נעמט אַראָפּ פונעם קאָפּ דאָס אַלטע היטל, דריקט עס נערוועז אין האַנט, און די ליפּן שעפּטשען שטיל:

— א גרוס דיר, זון, א גרוס דיר, פרײַהייט!

עליזע טוט זיך דערמאָנען א קוק אויף צוריק, אין דער זײַט פון פראַנקרײַך. דאָרט ווײַט, אויפן האָריזאָנט, אין דער זײַט פון פּאַריז, האָט זיך אָנגערוקט א פינצטערע כמאַרע.

עפּילאָג

דרײַ אונ דרײַסיק יאָר איז דורכגעגאַנגענ נאָכדעמ, ווי מע האָט די קאָמונע צעקלאַפּט. עליזע רעקלינ איז געוואָרנ א וועלטבאַוווּסטער געאָגראַפ. זײַנ גרויס ווערק פונ אַלגעמײנער געאָגראַפיע „די ערד אונ די מענטשנ" איז איבערגעזעצט געוואָרנ אַפ אַלע אײראָפּעיִשע שפּראַכנ.

נאָר אויכ ווענ ער האָט דערגרײכט צו וועלט־באַרימטקײט, איז עליזע רעקלינ געבליבנ אזא רעוואָלוציאָנער אונ סאָציאַליסט, ווי ער איז געווענ אינ דער יוגנט. די פראַנצויזישע בורזשואַזיע האָט דאָס אימ ניט געקענט מויכל זײַנ. די פראַנצויזישע געלערנטע פלעגנ אקטאָגנעסדיק פארשווײַגנ רעקלינ, אונ ווענ ער האָט זיכ אינ 1892 יאָר איבגעקערט צוריק אינ פראַנקרײַכ, האָבנ די צײַטונגענ אָנגעהויבנ פאָדערנ, אז די רעגירונג זאָל אימ ווידער ארויסטרײַבנ, ווי א געפערלעכנ רעוואָלוציאָנער.

ניט וועלנדיק גײַנ אַפ קײנ פּשאָרעס מיט דער בורזשואַזיע, פאָרט עליזע רעקלינ אינ 1894 יאָר אוועק פונ פראַנקרײַכ קײנ בעלגיע אונ אָרגאַניזירט צוזאַמענ מיט די בעלגישע סאָציאַליסטנ אונ פּראָגרעסיווע געלערנטע א פרײַענ צווישנפעלקערלעכנ „נײַעמ אוניווערסיטעט".

רעקלינ האָט ניט פארלאָרנ דעמ גלויבנ אינ דער רעוואָלוציע אונ ער האָט געוואַרט אַפנ אָנקומ פונ א נײַעמ רעוואָלוציע־שטורעמ.

ס'איז געקומענ דאָס 1905 יאָר. דער רעוואָלוציע־הילכ האָט זיכ דאָס מאָל דערהערט ניט אַפ מײַרעוו, ניט אינ פראַנקרײַכ, וואָס איז די לעצטע הונדערט יאָר געווענ דער צענטער פונ דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, נאָר אַפ מיזרעכ, אינ דעמ ווײַטנ רוסלאַנד.

די פאריזשער געזעלשאַפט „פרײַנט פונ רוסישנ פאָלק", בעראָש מיט דעמ באַוווּסטנ פראַנצויזישנ שרײַבער אנאַטאָל פראַנס, האָט אינ פעווראַל 1905 י. אײַנגעלאַדנ עליזע רעקלינ ארויסצוטרעטנ אַפ א מיטינג צו פארטײדיקנ די רוסישע רעוואָלוציע.

אונ דער גרײַז־אַלטער עליזע רעקלינ, מיט א קראַנק האַרצ, איז געקומ־ צו פאָרנ פונ בעלגיע אינ פאריזש אונ איז ארויסגעטראָטנ אַפנ מיטינג.

ווענ עליזע רעקלינ האָט זיכ באַוויזנ אַפ דער טריבונע, האָט מענ אימ געמאַכט אנ אָוואַציע. דער רעוואָלוציאָנערער פאריזש האָט באַגריסט דעמ אַלטנ קאָמונאַר.

ווענ די אַפּלאָדיסמענטנ אינ זאַל זײַנענ שטיל געוואָרנ, האָט רעקלינ מיט א שוואַכער נאָר שטרענגער שטימ אָנגעהויבנ:

— פרײַנט, כאַווירים און ברידער!

די טעג פון טיפן טרויער זײַנען איינציקע טעג פון גרויסע האָפענונ־גען. צווישן אײַך, קינדער פון פאַריזש, — דער שטאָט פון רעוואָליוציע — געפינען זיך נאָך היפש אַלטע לײַט, וואָס קענען אײַך דערמאָנען וועגן דעם טרויעריקן סאָף פון דער פאַריזער קאָמונע.

ס'איז שוין א לאַנגע צײַט אין דעם, נאָר אין מײַנע אויערן קלינגט נאָך ביז הײַנט די טרוקענע קנאַקערײַ פון די ביקסן. יעדער קויל לעכערט דורך עמעצנס קאָפּ, פאַרוווּנדעט עמעצנס האַרץ... עס שטעלט זיך מיר פאַר מײַנע אויגן דאָס גרויליקע בילד...

די שווערע דערינערונגען הייבן אָן צו שטיקן רעקלוען, זײַן שטים ציטערט, רײַסט זיך איבער און ער פאַלט אַן אָפּגעשוואַכטער אויפן בענקל.

— איך קען ניט ריידן... ס'איז מיר שווער. דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן, האָב איך אָנגעשריבן, זאָל עמעצער דורכלייענען.

איינער א פרײַנט זײַנער נעמט בײַ רעקלוען די אָנגעשריבענע רעדע און הייבט אָן לייענען:

„נאָכן צעקלאַפּן די קאָמונע האָט זיך אויסגעוויזן קלאָר, אַז די צײַט פון רעוואָליוציע איז פאַר פאַריזש געענדיקט אויף אייביק. האָט מען דען ניט געהאַלטן פאַר משוגעים און פאַנטאַזיאָרן אָט די אַלע, וואָס האָבן געגלייבט, אַז דער קאַמף פאַר סאָציאַליזם קאָן אין דער באַזיגטער שטאָט נאָך אויפגע־לעבט ווערן? און איצט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאַפקע אָט די טרוימען זײַנען געווען גערעכט.

וואָס קומט איצט פאָר אין דער אימפעריאַליסטישער הויפּטשטאָט פון רוס־לאַנד? טויזנטער אַרבעטער האָבן זיך געלאָזט גיין צום קייסער, וועמען זיי זײַנען געוווינט צו האַלטן פאַר א „פאָטער", פאַר אַן „אייגענעם טאַטן".

איר ווייסט, וויאַזוי דער קייסער האָט זיי באַגעגנט... אָט די האַלב־הונ־געריקע מענטשן האָט מען באַגעגנט מיט שיסערײַ פון ביקסן און האַרמאַטן. באַגלײַך מיט די געהאַרגעטע אַרבעטער האָבן די קוילן אויסגעלייגט אויך פרויען און אפילו קינדער.

צי וויל מען, צי וויל מען ניט אָנערקענען אָט דעם פאַקט, נאָר פון הײַנט אָן וועט פעטערבורג, אַזוי ווי פאַריזש, ווערן די שטאָט פון רעוואָליוציע. די רעוואָליוציע וועט זיך פונאַנדערוואַרפן אויך אין אַנדערע שטעט. דאָס אַלטע רוסלאַנד, רעדנדיק מיט די ווערטער פון א דיכטער, איז ניט מער, ווי א „צעבראָכענע וואַזע"...

די נאָענטע צוקונפט וועט אונדז ווײַזן דעם צעפאַל פון דער רוסישער אימפעריע. דאָס קומענדיקע רוסלאַנד וועט קיין קאָפּ ניט ענלעך זײַן אויף דער פריערדיקער רוסלאַנד, און ס'איז קלאָר, אַז די רוסישע רעוואָליוציע וועט שאַפן די גרעסטע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

און סאַקע דער ארבעטער־קלאַס וועט אין דער רוסישער רעוואָלוציע שפּילן די אַנטשיידנדיקע ראָליע. די פּויערים, וואָס ליידן פון דעם, וואָס די ערד איז נים גלייך פאַרטיילט, וועלן נעמען אַן אָנטייל אין דער רעוואָלו־ציע און וועלן גיין האַנט בא האַנט מיט די ארבעטער.

די רוסישע רעוואָליוציע וועט ברענגען פרייהייט די פילצאָליקע פעלקער און שוואָטים, וואָס די זעלבסטהערשערישע רעגירונג האָט מיט גוואַלד פאַר־רייניקט צו דער רוסישער אימפּעריע".

רעקליו האָט זיין רעדע פאַרענדיקט מיט די ווערטער: — „די רוסישע אר־בעטער האָבן באַקומען אַן אָנשוילעכע לעקציע. זיי וועלן מער נים גיין מיט א פייערלעכער פּראָצעסיע צום קייסערשן פּאַלאַץ. זיי וועלן פאַרשטיין דעם אַלטן לאָזונג פונעם אינטערנאַציאָנאַל, אַז „די באַפרייונג פון די אר־בעטער איז די זאַך פון די ארבעטנדיקע אליין".

די רעדע איז געווען די שוואַנען־ליד פונעם אַלטן קאָמונאַר. אומקערנ־דיק זיך פון פּאַריז קיין בריסעל, האָט רעקליו זיך דערפילט שלעכט. ס'האָבן זיך פאַרשטאַרקט די אַטאַקעס פון זיין ברוסט־אַנגינע. עס איז אים שוין גע־גאַן דאָס זעקס און זיבעציקסטע יאָר. די דאָקטוירים האָבן אים פאַרגעשריבן פולשטענדיקע רו. ער איז אריבערגעפאָרן פון בריסעל אין א קליין דערפל אפן ברעג פון צאָפּנ־יאַם.

נאָר שלאַפערהייט אפילו האָט עליזע רעקליו פאַרגעזעצט זיין ארבעט. ער האָט זיך געאיילט פאַרענדיקן די לעצטע זייטן פונעם זעקסטן באַנד פון זיין ווערק „דער מענטש און די ערד". אָט דאָס ווערק זיינס איז איינצייטיקס ארויס אַפּ פראַנצויזיש, ענגליש און רוסיש.

אָנהייב יולי 1905 איז עליזע רעקליוס געזונט ערגער געוואָרן. גאַנצפרי דעם 4־טן יולי איז עליזע רעקליו שטיל געשטאָרבן אַף די הענט פון זיין פלעמעניק פּאָל.

די לעצטע ווערטער פונעם אַלטן קאָמונאַר זיינען געווען:

— די רעוואָליוציע גייט!... די רעוואָליוציע דערנענטערט זיך!...

אינהאלט

אין דער פרעמד

	זייט
1. שווערע צייטן.	3
2. קיין אמעריקע	7
3. דאס לאנד פון פרייהייט און... געלעגנהייטן.	9
4. אט די פלאנטאציעס.	12
5. אונטער די טראָפּיקעס.	19
6. סאנטא־מארטא.	21
7. איבער די בערג און טאָלן פון פרעמדע געגנטן	24
8. צווישן אינדיאנער.	25
9. צו א נייעם לעבן.	28

גרויסע ניסיונעס

1. אבן שטיקל פון ריין.	32
2. דער אינטערנאציאנאל.	33
3. פיאָנער פון גרויסער ארבעט	35
4. דער שטורעם הויבט זיך אן	37
5. דער אבגעבעטער מארט.	42
6. די דאמינג.	44
7. דער אָגאר.	45
8. כאזארן.	48
9. איבער שטעטלעך און עטאפן.	49
10. דער געריכט.	54
11. ארויסשטייגן.	56
עפּילאָג.	58

פּרײַז 75 קאָפּ.

Переоценено 3а

Єврейською мовою
Н. К. ЛЕБЕДЄВ
ЕЛІЗЕ РЕКЛЮ

На еврейском языке
Н. К. ЛЕБЕДЕВ
ЭЛИЗЕ РЕКЛЮ

Державне видавництво національних меншостей УСРР при президії ВУЦВК'у
„УКРДЕРЖНАЦМЕНВИДАВ“